STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08806

DOS LEBN ZINGT AFILE IN TOYT

A. Nissenson

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביכער פון דעמזעלבן מחבר:

הונדערט לידער (לידער)

מעטעאָרן (לידער)

דאָס לעבן וויל אַ מעשה הערן (לידער)

דער וועג צו מענטש (דראַמאַטישע פּאָעמע)

דאָס צוגעזאָגטע לאַנד (דראַמאַטישע פּאָעמע)

מיין זונעלע, הערשעלען, וועמען ס׳איז באַשערט צו לעבן זיין קינדהייט אין דער גרעסטער, טראַגישסטער און אינטערעסאַנטסטער צייט אין דער מענטש־געשיכטע, ווען צוויי וועלטן — די אַוועקגייענדיקע און די קומענדיקע — האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אויף דער גרענעץ פון לעבן. זאָל דאָס בוך אים דינען ווי אַ וועגווייזער, מיט ליבע, גוטסקייט און, אויב נויטיק, מיט קרבן, צו אַ שענערער, בעסערער און ליכטיקערער וועלט.

Copyright
by A. NISSENSON
New York, 1943

אויסגעזעצט : שלמה גאנץ
אין דרוקעריי „פּאַריש פּרעס"
11 באַראָו סטריט, נ. י. 10

א. ניסטענזאָן

דאָס לעבן זינגט אַפילו אין טויט

ארויסגעגעבן פון
„שרייבער־פאַרלאַג"
מיט דער מיטהילף פון
י. ל. פרץ צווייג 83, א. נ. א. פ.

תיקון־טעות:

אויף זייט 21, דאַרף די אַכצנטע שורה פון אויבן זיך לייענען:

— גרעבער זיינען אָנגעקומען,

(אָנשטאָט דער שורה: — כ׳דערצייל דאָך).

אויף זייט 139, דאַרפן די ערשטע פיר שורות פון אויבן זיך לייענען:

אין אַ טייך אַ קילן;
און די גלידער זייערע
טרינקען דאָס פייער,
ווי ווייַן,

אינהאַלט

אַזוי פשוט ווי אין דער תורה גאָט:

גרויסשטאָטישע באַלאַדע 11
באַלאַדע פון פשוטן מענטש 13
אַ בלינדער שפּילט אויף אַ גיטאַרע 18
דער סימבאָל פון די פאָנען 26
באַלאַדע פון דעם אינגעלע און דעם תנא 28
באַלאַדע פון די איין־און־צוואַנציק 32
דאָס טעלערל פון דער זון 35
אַזוי פשוט ווי אין דער תורה גאָט 37
לאַבאָראַטאָריע 40
ס׳איז שפּעטער פון שפּעט 43
וואונדערצייט 46
אַ שעה אין אָוונט 48
פאַרגיב 51
ענטפער צו אַ שטיין אין פאַרק
אויף פראַגעס וואָס ער האָט מיך געוואָלט פרעגן
ווען ער וואָלט געקענט ריידן 54
מעשה בראשית 57
געזאַנג צום מענטש אין יאָר תש״א 59

דער בעל־שם פון היינט:

דער אמת פון מיינע ברידער 69
דריי יונגעלייט און אַ בלאָנדע פרוי 71
געזאַנג פון פיר הייליקע ברידער 74
ליבשאַפט וואָס איז אייביק ווי דער טויט 77
ווי אַ זייער קערנדלאַך די שיינקייט פאַרפלאַנץ 79
באַלאַדע 83
ניואַנס פאַרן טויט 85

גוטמאָרגן, מענטש 89
ווי אַ קינד לערנט די ליכטיקייט פון ווערטער אויס .. 93
ווי קערנדלאַך זריעה די מאַמע ערד 96
אַ מענטש זינגט אויפן סקוווער 99
ווי אַ יונגפרוי שיין און פּראָסט 102
דער בעל־שם פון היינט, מיין חבר 106
די שיינקייט פון מיין דור 109
די ליבשאַפט ווי לופט פון אונטער מענטשנס הויט 112
אַ שעה פון לויטערקייט 115

דאָס האַרץ פון דער וועלט:

אַ מעשה 121
דאָס האַרץ פון דער וועלט 125
ישראל 128
גוטמאָרגן, וועלט 131
אַ געזאַנג 134
חיי עולם נטע בתוכנו 136
באַלאַדע פון פייער 138
געשיכטע 140

רבנו, שפּיל אונז אַ ניגון:

רבנו, שפּיל אונז אַ ניגון 145
דאָס לעבן זינגט אַפילו אין טויט 148
אַ קרוין פון די שענסטע יסורים 155
דער פּחד זינגט 161
אונזער ליכטיקער גורל 168
אַ זון און אַ מאַמע 175
דאָס געזאַנג ביי די טויערן 182

גע֫זאַנג פון טויט (דראַמאַטיש בילד) 189

אָנהויב—סוף 219

אַזוי פשוט ווי אין
דער תורה גאָט

גרויסשטאָטישע באַלאַדע

יואל סלאָנימען

אינגעלע ליבער,
אין פרימאָרגיקער קעלט,
וואָס טראַכטסטו עפּעס
וועגן דער וועלט,
וואָס האָט אַזוי בייז
און אומפאַרשעמט
דיך געלאָזט
אין דיין זומערדיקן העמד
גיין אין פּאַרק,
קלייבן טרוקענע שפּענדלאַך? —
אַ אינגעלע,
ס'איז אומפאַרשטענדלאַך!

איך האָב דיך געזען
מיט דיין טאַטן גיין,
און געציטערט אויף דיר
האָבן הויט און ביין;
דורך גאַסן און עוועניוס
איבער דער שטאָט
איז אין אַ לימוזין
געפאָרן גאָט,
און האָט אין אַ קעסטל,

מיט גאָלד באַצירט
און פֿאַרבונדן
מיט זיידענע בענדלאַך,
דעם שליסעלע
צו דער וועלט געפּירט, —
אַ אינגעלע,
ס׳איז אומפֿאַרשטענדלאַך!

אין פּאַרק האָט געטרויערט
שפּעט־האַרבסטיקע וואָר,
און געוויינט האָבן
לעצטע בלעטער,
און איך האָב
אין דיינע אויגן קלאָר
געלייענט:
— פֿאַרעטער!
— פֿאַרעטער!

און איצט זיץ איך דאָ
הינטער וואַרימער טיר
און זוך אַ גראַם
צו דיין לעבן;
אַ אינגעלע,
ניט דער וועלט
און ניט מיר
זאָלסטו ביז אין
צוואַנציקסטן דור
ניט פֿאַרגעבן!

באַלאַדע פון פשוטן מענטש

דער מענטש, דער פשוטער, דער גוטער,
וואָס קוויקט זיך אַלע טאָג
מיט ברויט און קאַווע,
און שטופּט דאָס לעבן,
ווי עס וואָלט געווען
אַ וואָגן, אַן אנגעלאָדענער
מיט ברוך,
האָט זיך פאַרפּלאָנטערט
אין געוועב פון רעטעניש־
און־מעשה־שפּיל
פון אָדם־חוה,
און דרייט זיך אום
ווי אַן אות
אַן אומפאַרטייטשטער
אין אַ בוך.

דעם מענטש, דעם פשוטן,
איז אַלץ אַזוי ניט קלאָר,
אַלץ אַזוי מוראדיק
אומפאַרשטענדלאַך,
די פשוטע רייד,
די בייזע און גוטמוטיקע רייד
פון די שכנים,

זיינען אים אייגן און פרעמד;
אפֿט ווילט זיך אים אַ פרעג טאָן
ביי דעם מענטש
מיט רעדלאַך אַנשטאָט פיס,
וואָס האַנדלט
מיט בליישטיפטן
און זאָקנבענדלאַך,
ווען לעבן,
ווען ווייב און קינדער,
ווען ער וואָלט זיך
ניט געשעמט.

דער פשוטער,
דער גוטער מענטש
האָט אַ ווייב און קינדער,
און זיין ליבע צו זיי
איז ווי דאָס געזאַנג
פון אַ טאָג אַ קלאָרן;
באַגינען וועקט אים
די ליבע אויף
און פירט אים,
ווי אַ אינגעלע אַ קליינס,
אין לאַנד פון
העמדער,
זאָקן,
אונטערוועש,
נאָדלען,

שערעלאַד,
מאַטאָרן;
ער שפּרייט אויס
אַ שטיק ווייסן
לייוונט אויפן טיש;
דאָס לייב
פון ווייסן לייוונט
איז קיל און קלאָר;
און אַט נעמט עס זינגען
אַ געזאַנג,
וואָס אַט איז עס חלום
און אַט איז עס וואָר;
און אַט נעמט
דאָס ווייסע לייוונט
און טוט זיך אָן
אויף אַ קערפּער
אַ שלאַנקן,
נעמט אים אַרום,
רופט אים נאָנטע נעמען;

קאַפּעליעס שפּילן אַרום אים,
נאָדלען און שערעלאַך
נעמען טאַנצן אַ פריילאַכס;
פרייד טאַנצט אים אום
אויף די ברעמען.
קילער לייוונט.
ווייסע לייב.

קינדער מיט ליכטיקע אויגן, —
אַ מענטש מיט רעדלאַך אַנשטאַט פּיס
האָט טרויעריק אַזוי פאַרצויגן:
— איך האָב ליב דאָס לעבן,
און מיינע אַכט קינדער
און דאָס ווייב
האָבן ליב דאָס לעבן —
און אַט האָט אַ שער
אַ זעץ אין טיש געגעבן:
— ברידער און שוועסטער,
שוועסטער און ברידער,
זון וואַרט אויף דער גאַס
מיט פולע קוישן
ברויט און לידער —
און ווי עס דערהערן דאָס
נאָדלען און שערן,
גייען זיי ברויט עסן,
לידער צו הערן;
און ווי זיי דערהערן נאָר:
— לידער און ברויט, —
קומט לעבן צעלויפן
אויף גיך מיטן טויט.

די זון האָט אין איר יוגנט צעהאַנגען
איבער דער וועלט אַ חלום
פון ברויט
און פון ליד

און פון שלום;
די זון האָט אין איר יוגנט
איבער דער וועלט
אַ חלום צעשפרייט
פון גאָלד
און פון בלוט
און פון טויט.

קילער לייוונט.
ווייסע לייב.
קינדער מיט ליכטיקע אויגן, —
דער מענטש מיט רעדלאַך אַנשטאָט פיס
האָט טרויעריק אַזוי פאַרצויגן:
— דאָס לעבן פון צען איז אויפגעהאַנגען
אויף בליישטיפטן און זאַקנבענדלאַך, —
אין מח פון פשוטן מענטש
קלאַפּט אַ זייגערל אויס:
— פ־אַ־ר־ש־ט־ע־נ־ד־ל־אַ־ך —
— א־ו־מ־פ־אַ־ר־ש־ט־ע נ־ד־ל־אַ־ך —

אַ בלינדער שפּילט אויף אַ גיטאַרע

אַלץ וואָס עס שטעלט צענויף אַ מענטשן,
האָט אים גאָט געגעבן,
נאָר דאָרט וואו די אויגן דאַרפן זיין,
האָט ער פאַרצויגן מיט אַ דינער הויט,
און אַריינגעלייגט אים אין איין קעשענע
אַ זעקעלע מיט גאָלדיקן לעבן,
און אין דער צווייטער קעשענע
אַ זעקעלע מיט גאָלדיקן טויט.

באַוויזן האָט ער נאָר זיך אויסצולערנען
שפּילן אויף אַ גיטאַרע,
וואָס איז געווען די בריק,
וואָס האָט אים געפירט
צום גאָלדענעם האַרץ פון דער וועלט
און צום שכנס קריפּל,
דער אַלטער פאַרזעסענער מויד,
טאַמאַרע, —
פידלען שפּילן
אַ געשפּיל צום לעבן.
דאָס לעבן פריידיקט אויס
אַ געפרייד צו דער וועלט.
טרויער העלט
און ווערט באַזעלט.

— טאַמאַרע, טייערע,
אויג פון מיין געצעלט,
דערצייל מיר, דערצייל,
ווי אַזוי זעט אויס די וועלט.

— ווי אַ גאָלדענער טעפּיך בייטאָג,
און ווי אַ זילבערנער — ביינאַכט;
בייטאָג קומט די זון געוואויר ווערן
וואָס מען מאַכט,
און פאַרבלייבט אַ גאַנצן טאָג,
ווי אַ גוטע מומע
אין אַ הויז־געזינט;
מיט ליבער וואַרימקייט
טוט זי די שעה'ן פון טאָג
באַפאַרבן,
העלפט זיך פרייען
ווען עס ווערט געבוירן
אַ קינד,
און העלפט וויינען
ווען מענטשן שטאַרבן.

— טאַמאַרע, טייערע,
אויג פון מיין געצעלט,
דערצייל מיר, דערצייל,
וואָס הערט זיך אויף דער וועלט.

— מען דערציילט אַז
אין כינע
זײַנען כינעזערלאַך
פֿון ווייטסטן העק
געקומען
צו דעם אַלמאַכטיקן קיניג
טשאַנגקישעק
צו בעטן
אַ שטיקל זון אויף בייטאָג,
און אויף ביינאַכט
אַ ברעקל לבנה;
איז דעם קיניג טשאַנגקישעק
ניט געפעלן די כוונה,
שטאַרק ניט געפעלן;
און ער האָט געענטפערט:
— מ'עט ניט געבן!

האָבן די כינעזערלאַך געפרעגט:
— סטייטש,
ווי וועלן זיי אַצינדער
קומען אַהיים
צו ווייב און קינדער?
האָט געענטפערט
דער קיניג טשאַנגקישעק:
— מ'עט ניט דאַרפן! —
און ער האָט באַפוילן
דעם אונטערטאַן טשאַנגקישיק,

צו ברייננגען העק און האַרפּן;
העק אויף צו מאַכן
האַק און היק,
און האַרפּן
אויף צוצושפּילן.

— וואָס מיינט עס, טאַמאַרע?
כ'פאַרשטיי ניט, איך שווער.

— כ'דערצייל דאָך
וואָס ס'הערט זיך.
אַ מעשה. אַט הער:
— אין לאַנד אין אונזערן
פאַראַנען זיינען
גרובן קוילן,
טוט מען וועגן זיי אַזוינס
אין טעג,
אין ליכטיקע,
דערציילן:
— כ'דערצייל דאָך
אין די אויגן — פייער,
אין די אָדערן — אייזן,
גראָבן קוילן,
מענטשן צו דערוואַרימען
און זיך צו שפּייזן;
האָבן בערג מיט קוילן
איבער גאָרן לאַנד צעטריבן,

מענטש דערוואַרימט,
נאָר פאַר זיך אַליין
איז ניט געבליבן.
איז געוואָרן פון קינדער
אַ געוויין;
האָט עס די זון דערהערט
און געקומען צוגיין
און מיטגעבראַכט
כאַלאַטלאַך וואַרימע
און שיכלאַך,
און זיך אַליין
געהייסן צעשניידן
אויף ווייצנברויט
און פוטערקיכלאַך.
האָט זיך דאָס לאַנד געכאַפּט
אַז דאָס וועט ניט טויגן,
און מען האָט איר אויסגעשטאָכן
די אויגן,
און מען האָט זי אַזוי ווייט
פאַרטריבן,
אַז קיין זכר איז
פון איר ניט געבליבן;
נאָר מענטשן זאָגן,
אַז ווען סע גייט אַ רעגן,
ווײנט דאָס די זון
אויף אַלע וועגן.

— כ׳פֿאַרשטיי ניט, טאַמאַרע,
כ׳פֿאַרשטיי ניט, איך שווער.

— מע דאַרף ניט.
אַזוי־אַ דערציילט זיך.
ניט מער.
אַט הער:
— געשפּילט האָט אַ ניגער
אויף אַ יוקעלעילי,
און אויסגעדזשיגעט
פֿון לעבן די פֿרייד:
— אַך, דו זוניקע,
דו ווייסע מערי,
דו ווייסע מערי
אין ליכטיקן קלייד.

איז געקומען צעגייין
פֿון דאָרף אַ אינגל
און געשטופּט דעם פֿינגער
אים אין געזיכט;
האָט זיך דעם דאָרף
פֿאַרגלוסט צו וויסן
צי אַ ניגער קען ברענען
אַזוי ווי אַ ליכט.

ער האָט ניט געוויינט
און ניט געבעטן,

און נאָר געטענהט:
— פאַרגיב, פאַרגיב;
זיי ווייסן, מערי,
זוניקע מערי,
זיי ווייסן, זיי ווייסן,
איך האָב דיך ליב.

מען זאָגט אַז אין נעכט,
ווען עס רייסט דער שטורעם
בוימער אין וואַלד
און לאָמטערנעס פון ראָג,
אַז דאָס שפּילט דער ניגער
אויף דער יוקעלעילי,
און דזשיגעט אַזוי
ביז אין ווייסן טאָג.

די רייד טאָמאַרעס
זיינען אים ניט געווען
אינגאַנצן קלאָר;
הינטער די דינע הייטלאַך
האָט געצייטיקט
אַן אַנדער וואָר.
האָט ער פאַר איר
אויף דער גיטאַרע
אויסגעשפּילט
דעם חלום
פון אַ וועלט
וואָס איז בלינד,

וואָס איז נאַריש
ווי אַ גרייז
און קלוג
ווי אַ קינד,
און פון די צוויי מתנות
וואָס גאָט האָט אים געגעבן:
— דאָס זעקעלע מיט גאָלדיקן טויט,
און דאָס זעקעלע מיט גאָלדיקן לעבן.

דער סימבאָל פון די פאָנען

אַז דעם פרימאַרגן
ברייננגט אויף די פליגל
צעטראָגן דער האָז,
זיצן וועבער ביים וועבשטול
אין דער אַרבעט פאַרטאָן;
זיצן וועבער,
ווי קעניגן אויף טראָנען,
און וועבן
דעם סימבאָל פון די פאָנען.

פון דינע פעדימלאַך
זון און נאַכט
האָט איינער אַ פאָן
פאַר זיך פאַרטראַכט,
ווייל אַזוי
שטייט פאַרשריבן
בפירוש
מיט פייער און שרעק
אין אַלע תורהס.

פון פעדימלאַך פערוווערזיטעט
און ליגנס פאַסן
וועבט איינער

די טונקעלע פאַן
פון ראַסע,
צו בלאָנדער אַריערווייב
די ריינע גלוסטונג, —
ווייל, כה אמר,
אַזוי האָט געזאָגט
זאַראַטוסטראַ.

מיט פעדימלאַך בלוט
און מאַרך פון ביינער
פלאַטערט אויף די פאַן
פון גלויבן ביי איינעם;
ווייל אַזוי האָט,
טראַכטנדיק,
אַמאָל באַגריפן
דער אויסטראַכטער
פון מעשיות
און פון מיפן.

פון פעדימלאַך צער,
גלויבן און נויט
וועבט איינער
דאָס גליק פון לעבן
און די פרייד פון טויט;
ווייל אַזוי האָט דער באַשעפער,
מיט טעג ליכטיקע זיבן,
טונקענדיק אין טינטער זון
איבער דער ערד פאַרשריבן.

באַלאַדע פון דעם אינגעלע
און דעם תנא

זונעלע,
ווי אַלט איז די וועלט?
— אַ ביליאָן,
מיט צוויי מיליאָן,
מיט דריי הונדערט.
ווי פּינקטלאַך,
האָט זיך דער תנא געוואונדערט.

זונעלע,
פון וואַנען ווייסטו
אַזוי פּינקטלאַך
די צאָל יאָר?
— איך האָב געהערט
ווי דער טאַטע
מיט דער מאַמען
האָבן שטילערהייט
גערעדט וועגן דעם
צוזאַמען.

— אַזוי וואָר איך לעב,
ווי ס׳איז וואָר.

זונעלע,
פֿאַרוואָס איז
פֿינצטער ביי דער נאַכט
און בייטאָג איז ליכטיק?
— מ׳האָט אויסגענוצט דאָס גאָלד
אויף אַ ראָם פֿאַר דער זון,
און אַז מ׳האָט עס פֿאַרענדיקט,
איז מער שוין גאָרניט
געבליבן דערפֿון.

— אַזוי וואָר איך לעב,
ווי ריכטיק.

זונעלע,
פֿאַר איינעם די וואָר
אַ זילבערן גלעקל,
וואָס קלינגט,
פֿאַר איינעם דער טויט
וואָס אונטערן פֿענצטער
זינגט.
— פֿאַראַן אַ מעשה
אויף דעם, אַ גרייטע,
פֿון צוויי ברידער,
אַ חכם און אַ שוטה.

דער תנא האָט געזען
אַז דאָס אינגעלע
איז קלוג און געראָטן,

און אַז ס'איז גאָר ניטאָ
זיך וואָס צו זאָרגן
וועגן מאָרגן,
האָט ער אים דאָס קעפּל
מיט רייד מיט גאָלדענע
באַשאָטן,
און אַוועקגעשיקט שלאָפֿן.

די ווערטער
האָבן נאָך אַרומגעבלאָנקט
אין שטוב,
געזוכט אַ זינען,
בשעת דער באַגינען
האָט מיט ווייכע הענט
אַ גלעט געטאָן
די קאָפּ פֿון שטאָט;
האָבן די רייד פֿון דעם תנא
זיך אָנגעטאָן
אין ריינסטן בלוי
פֿון ליכטיקן באַגינען,
און געגאַנגען באַגעגענען
דאָס פּנים פֿון גאָט.

זיינען די רייד פֿון תנא
אין ליכטיקן באַגינענבלוי
געגאַנגען,
און געזען,

ווי די זון
האט קליינע, גאָלדענע פֿידעלאַך
צעהאַנגען,
קליינע, גאָלדענע פֿידעלאַך
אויף די שפּיצן פֿון שטאָט,
און געזען
דאָס וואונדערלאַכע שפּיל
פֿון גאָט;
האָבן זיי
די גאָלדענע פֿידעלאַך
גענומען,
און זיינען
אין די גאַסן אַנגעקומען,
צו זינגען שטיל
און צו זינגען לאַנג,
די תּפילה — דאָס שטילע,
דאָס ריינע געזאַנג
צום לעבן,
וואָס האָט
ווי אַ בלאָנד אינגעלע
אויף זומערדיקע וועגן
זיך געשפּילט דער זון אַנטקעגן.

באַלאַדע פון די אײן-און-צוואַנציק

אײן־און־צוואַנציק יונגען
זײַנען געזעסן און גענײט
קלײדער פון סאַמעט
און קלײדער פון זײד,
אַרומגעזוימט מיט גאָלד;
האָבן די אײן־און־צוואַנציק יונגען
געזונגען מיט ליכטיקער
טרויער־פרײד:
— אוי, האָב איך דיך ליב;
און אוי, האָב איך דיך האָלט.

איז אויף אַ זונשטראַל
דער ווינט,
דער שטיפער,
פון ווײַטן
צערײַטן
געקומען
מיט ליד פון באַרג
און מיט ליד פון טאָל,
פון זון
און פון פרישער ערד;
האָבן די אײן־און־צוואַנציק יונגען
דאָס נײַע געזאַנג פאַרנומען,

האָבן די אײן־און־צוואַנציק יונגען
דאָס נײַע געזאַנג דערהערט.

אויף אַ דאַך איז די זון
געגאַנגען צו קינד
און געבוירן אַ טאָג
אַ שווערן;
אויף ווײַסן פּאַפּיר
האָט געגליווערט די חכמה
פון קינדער
און פון אַלטע לײַט;
האָבן די אײן־און־צוואַנציק יונגען
אָנגעשאַרפט די שערן,
זײַנען די אײן־און־צוואַנציק יונגען
געגאַנגען צו־שנײַדן
די צײַט.

אין שטיבער
האָבן קינדער געהערט
דאָס שטילע געזאַנג
פון אַ מעשה,
און ווערטער
האָבן זיך אויסגעמישט
מיט רײַנעם זילבער
פון האָר;
עס האָבן געפּלאַפּלט
אַלטע לײַט,

און די רייד —
ווי לעמער ווייסע;
און וואָר
איז געוואָרן חלום
און חלום
איז געוואָרן וואָר.

און איינמאָל אין אָוונט
אויף הויפן:
— ס׳וויגט די רו זיך
מיט שטילע רייד;
זיינען קינדער
געקומען צעלויפן
מיט פולע קאַשיקעס
פרייד,
און געשלעפט פאַר די פאַלעס
צו הערן
דאָס געזאַנג
פון דער שטילער גאַס;
ס׳האָבן איין־און־צוואַנציק
ליכטיקע שטערן
זיך צעזונגען
אויף דער שטילער גאַס.

דאָס טעלערל פון דער זון

דער חכם איז געגאַנגען שפּאַצירן,
די הענט פאַרלייגט אויף הינטן,
און געטראַכט:
— פונוואַנען, וואוהין און צו וואָס
עס בלאָזן די ווינטן.
זעט ער:
— אַ יונג שטייט אַליין אויף אַ ראָג,
אַ יונג שטייט אַליין אויפן ראַנד
פון אָוונט און טאָג,
און ער פילט ווי דעם יונגס האַרץ
ווערט אין געוויין צעגאַנגען.

— יונגעריונג,
וואָס טוסטו וויינען?
— איך וויל דאָס טעלערל
פון דער זון דערלאַנגען,
און קען ניט.

דער חכם שמייכלט זיין שמייכל
פון פאַר פיר טויזנט יאָר,
און עס ווערן אים ווידער שוואַרץ
פון זיין גרויער באָרד די האָר,
און די זון טרויערט
דעם שטילן טרויער

פון פאַרגייז,
און דער טאָג קלאַמערט זיך
מיט די לעצטע כחות
אַן ערד און שטיין,
און דער אָוונט זינגט,
און דער יונג וויינט,
און דער חכם שמייכלט.

פאַראַן אויף דער וועלט
געזאַנג און געזאַנג:
געזאַנג פון גאָט
און געזאַנג פון שטאָט;
געזאַנג פון ברויט,
און געזאַנג פון טויט;
געזאַנג פון וועלט,
און געזאַנג פון געלט,
און געלט איז גאָלד,
און גאָלד איז זון,
און דער יונג האָט נאָך אינגלווייז
געהערט דערפון,
און ער האָט ניט אַנדערש,
ווי נאָר געוואָלט
צו זינגען דאָס ליד
פון זון און גאָלד.

און דער אָוונט זינגט,
און דער יונג וויינט,
און דער חכם שמייכלט.

אַזוי פשוט ווי אין דער תורה גאָט

מענטש מיטן כעמישן וואַסערל,
וואָס טוסטו זען און הערן?
ניט אין דונער אַליין דער וואונדער,
און ניט אין זומערדיקן בליץ, —
איך האָב געזען אויפגיין פרייד,
איך האָב געזען טרויער געבוירן ווערן,
און פוןביידע האָט זיך אויסגעפורעמט
אַ דריטס.

איך האָב פאַר דאָס דריטע
נאָך קיין נאָמען ניט געפונען,
נאָר ליכטיק איז עס
און וואונדערלעך און עכט,
ווי דאָס אמתע וואָרט
וואָס פאַלט אַרונטער פון גומען,
ווי דאָס געזאַנג
וואָס גייט אויף
פון גערעכט.

די פעלדער גייען אויף
מיט ווייץ און מיט קאָרן,
פרימאָרגן זינגט אויף די זון
מיט לעבן איבער דער וועלט;

די שפע בלאָזט
אין גילדערנעם האָרן, —
דאָס אינגעלע גייט אויס
אין הונגער און קעלט.

אין טאָטנס מח פאַרצווייפלונג,
ווי זילבערנער רויך, זינגט אויף,
און מאָלט אַזאַ פאַרביקן אויסלייז
אויף יענער זייט שויבן;
נאָר הער, נאָר הער,
ווער שיקט עס
פון וואַנען אַרויף
ווערטער,
וואָס פלאַטערן
מיט דער ווייסקייט
פון ווייסע טויבן...

— לעבן איז ערד און זון
און ווינט און אייזן,
און דער וועג ליגט קלאָר
דורכן נעבל פון טויט;
לאָמיר נעמען די קילע
חכמה פון גרייזן,
און פונם בלוט
דאָס יונגע רויט,

פאַרזייען וואו מענטשן
אויף סקווערן און אויף ראָגן

גייען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ
און מיט שטילן טראָט;
און אויפגייען אין בלויען
ליכט פון פאַרטאָגן
אַזוי פשוט,
ווי אין דער תורה
גאָט...

לאַבאָראַטאָריע

ווער בין איך? —
זוכער און עקספּערימענטאַטאָר;
מיין נאָמען? —
מענטש, וואָס האָט גאָט פאַר אַ טאַטן.
אין מיינע פּראָביר־רערלאַך
צעשמעלץ איך געטער,
ווייל איך מוז זיך
אומבאַדינגט קלאָר מאַכן
דעם וועג צום שפּעטער.
ס׳איז ניט גענוג פאַר מיר
צו עסן,
געשלעכטלאַך פאַרקערן,
האָדעווען קינדער,
אַלט ווערן
און שטאַרבן;
איך מוז זיין גרייט,
ווען דער טאָג וועט קומען,
גאָטס האָב און גוטס
צו אַרבן.
פאַר מיינע עקספּערימענטן
דאַרף איך בלוט,
לאָז איך עס שטראָמען
ווי רעגן;

אַבער איך בין ניט קיין מערדער,
ווייל מען טראָגט מיר
די סאַנקציע אַנטקעגן.
פאַר מיינע מאַטעריאַלן
באַנוץ איך די עלעמענטן
באַקאַנט אונטער די נעמען:
מאַנאַרכיזם, פעאָדאַליזם,
קאַפּיטאַליזם, סאָציאַליזם,
קאָמוניזם, פאַשיזם,
פילאָזאָפיע,
טעכנאָלאָגיע,
טעאָלאָגיע;
יעדער באַזונדער
ברייגנט די וועלט
אין מיין לאַבאָראַטאָריע
אין אַן אַנדער אַספּעקט
צעטראָגן;
אין מיינע פּראָביר־רערלאַך
מיש איך זיי אויס
מיט דער סודותדיקער
רויטער פליסיקייט,
און דורך אַ כעמישן פּראָצעס
ווערט דער אויסגעמישטער שטאָף
צעצווייט,
צעטיילנדיק זיך
אין צוויי באַשטימטע אַספּעקטן,
וואָס איינעם רוף איך:

— לעבן
און איינעם רוף איך:
— טויט.
איצט נעם איך
און שטעל אַוועק
אַ מאַטעמאַטישע פאָרמולע
אַז:
— לעבן איז טויט
און טויט איז לעבן;
און באַנוצנדיק זיך
מיט דער גאַנצער אינטואיציע
וואָס גאָט האָט מיר געגעבן,
אַן איך דעם סוד,
וואָס האָט מיך די גאַנצע צייט
געהאַלטן אין ווײַכן,
און איך דערפיל ווי
איך ווער,
איך ווער,
איך ווער
זיינס גלייכן.
אַט, אַט
און איך וועל אים
האָבן געפונען,
און ביידע וועלן מיר אויפגיין
ווי צוויי גרויסע זונען.

ס׳איז שפעטער פון שפעט

פאַעטן זינגען פון שיינקייט,
ליבע, טויט, טרויער —
לידער;
דערציילער שילדערן
מענער, פרויען, טיפּן, כאַראַקטערן —
פּאָרטרעט;
איך ווייס ניט ווי אייך,
מיינע ברידער,
נאָר מיר איז עס שוין דערווידער,
דער ווייזער אויף דעם געשיכטע־זייגער
ווייזט אַז ס׳איז שפּעטער פון שפּעט.

שיינקייט איז אַן אויסגעטראַכטע אַבסטראַקציע
אויף זיך צו פאַרוויגן מיט אַ ליגן,
דער טרויעריקער פּרעפלער פון תּפילות
טוט עס אין בין־השמשותן שטילע,
מיט געבעט;
אויף ווערטער פון שיינקייט און תּפילה,
ווי אויף זאַמדיקע בערג,
האָבן מיר געשטיגן,
ביז דער ווייזער אויפן געשיכטע־זייגער
האָט געוויזן
אַז ס׳איז שפּעטער פון שפּעט.

שפּעטער פון שפּעט.
ווי ביי דאַרווינען
מישן זיך מענטשן
און אַפּן;
וואָרט פון טרייסט,
פאַרוואָס טרייסטו ניט?
וואָרט פון תּפילה,
פאַרוואָס קענסטו מער ניט היילן?
רבי, לערן נאָך איינמאָל:
— בראשית ברא אלהים,
גאָט האָט באַשאַפן.
האָט גאָט באַשאַפן?
רבי,
מיין זון פּרעגט,
וואָס זאָל איך אים דערציילן?

אפשר בעסער אַז ניט.
ס'איז ניט מער ווי אַ מעשה.
צו וואָס זיך
מיט מעשיות נאַרן;
קום, זון,
לאָמיר טרעטן
מיט זיכערע טריט
אויף דעם ניכטערן וועג
פון געפאַרן,
אַז דעם ליגן אין וואָרט,
און זיך זאָגן אַזוי:

— וואָס געשעט,
מוז געשען,
אומפאַרמיידלאַך;
הער אויף חלומען דו
אויפן שטאַטישן ברוק,
דו באַוואוינער
פון דאָרפישע ביידלאַך.

ס׳איז איצט שפּעטער פון שפּעט,
עבר זמן פאַר געבעט,
נעם דעם חלום
צעזיי אויף אַקרענטן;
הער זיך איין, אויב דו קענסט,
עס איז ניט קיין געשפּענסט,
ס׳שפּילט זיך וואָר איצט
מיט די עלעמענטן.

וואונדערצייט

אַט שטיי איך צווישן אייך
אַ גלויביקער און זינדער,
מיין ברוסט איז נאַקעט
און מיין האַרץ איז אָפן:
און מיין משפחה דאָ:
— געשיכטע־בלעטלאַך — קינדער
דערציילן פלאַפלענדיק
וואָס ס'האָט זיך אַלץ פּאַרלאָפן.

דערציילט־זשע, קינדערלאַך,
נו, העכער, לאָמיר הערן;
ווי אַנגעמאָסטן
איז די צייט
די איצטיקע
פאַר מיפן:
— די ערד פּלאַצט אויף,
ווי מענטשן
ריידן שטערן,
אויף אויבערפלאַכן
צייכענען זיך
אין קלאָרער שריפט
די טיפן.

ס'איז ניט קיין מעשהלע;
ס'איז טויט
וואָס ביינקט
נאָך לעבן,
ס'איז לעבן
וואָס האָט זיך פֿאַרביינקט
צום לעצטן באַרטן;
אַ האַנט האָט מיך
אַריינגעפלאָנטערט
אין געוועבן,
און פלאָנטערט מיך
צוריק אַרויס
פון דאָרטן.

די לעצטע פיין
— אַ פייגל —
פליט פון מיינע גלידער,
די ליפּן
אויף מיין פּנים
צייכענען
אַ שמייכל;
כ'הער ווידער
קינדערשן געזאַנג
פון לידער,
גאָט שטרעקט מיר אויס
אַ ברייטן
שלום־עליכם.

אַ שעה אין אָוונט

עס האָט דער טאָג
מיך היינט געמאַטערט
מיט רייד,
מיט שווערע נייס,
מיט רויב;
נאָר איצט איז שטיל.
דער אָוונט פּלאַטערט
און גלעט
און רואיקט,
ווי אַ טויב.

בין איך געוואָרן
חוש און גלידער,
און הער
ווי ס׳טריפט
דורך מיר
די צייט:
— אַ גאַנצע וועלט
מיט גוטע ברידער
קומט אַן אַהערצו
פון דער ווייט,
פאַרגאַפט אין שווייגן,
ווי אין תפילה,

מיט לויטערער עסענץ
פון פיין;
און אַ געלייטערטער,
אַ שטילער
קומט גאָט אַהער
אַליין אַריין.

ס׳טוט אַ געדאַנק אַ קלאַפּ —
דער קלענסטער,
און איך ווער וועלט,
און וועלט ווערט איך:
— אַ מענטש,
וואָס קוקט
דורך טויזנט
פענצטער
אין אייגן האַרץ
אַריין צו זיך.

אַ פּייערל
בליצט אויף אַנטקעגן,
און ווי אַ זון
זיך באַלד צעשיינט:
— אין ערשטן מענטש
איז שוין געלעגן
דער שרעקלאַך־וואונדערלאַכער
היינט.

אַ דינע הייטל פּלאַצט —
די מורא,
(אַ, אילוזיווע
שעה פון גליק!)
אַ האַנט פּראַלט אויף
פאַרמאַכטע טויערן:
— פּאַראויס ליגט ליבשאַפט
ווי אַ בריק.

פאַרגיב

פאַרגיב וואָס כ׳רעד צו דיר
ווי צו אַ חבר,
און וויל מיט וואָרט מיינעם
צו דיר אין האַרצן טרעפן;
איך האָב פאַרבראַכן
קעגן אַלע לאָו׳ן
און קלאַפּ
אין פענצטערל אין דיינעם —
עפן!

דו האָסט מיך מענטש גערופן,
איך דיך — גאָט;
איז אפשר וואָלטן מיר זיך
מיט די נעמען בייטן;
אַז סיי־ווי זיינען מיר דאָך
ביידע סוד,
און גריסן זיך נאָר
מיט רמזים
פון דער ווייטן.

איך ווייס,
מיר ביידע
איינער נאָכן צווייטן

ביינקען:
איז צו וואָס די שפּיל
פון דו־אַהער־און־איך־אַהין;
איך שווער דיר:
— איך וועל אַלעמאָל געדיינקען
ווער דו ביזט
און ווער איך בין.

איך האָב זיך אָפט געטאָן
אין צער פון תּפילות ווייקן,
און אָפט געלעסטערט דיך,
ווי יונגען אין אַ באָד;
און ווען איך האָב אַפילו
דיך פאַרלייקנט,
איז עס נאָר געווען
כּדי דיך אַרויסצערופן,
גאָט.

פאַרשטיי מיך גוט:
— איך קום מיט דיר
ניט מאַכן שלום;
ס׳איז קיינמאָל ניט געווען
קיין קריג
אין אונזער צווישנרוף;
ווי קען זיין אַנדערש,
אַז דו ביזט פון וואָר מיינער,
דער חלום;

איך,
פון נשמה דיינער,
בין דער גוף.

און אפשר גאר פאַרקערט;
ביסט איין, ווי איך,
דיין ליב;
(כ'הער אָפט
אַ וואָרט בליצט דורך,
און קען עס
ניט באַשיידן)
אויב יאָ,
טאָ האָב ניט קיין פאַריבל
און פאַרגיב,
ווייל ס'איז
אַ גרויס רחמנות
אויף אונז ביידן.

ענטפער צו אַ שטיין אין פּאַרק
אויף פּראַגעס וואָס ער האָט
מיך געזאָלט פרעגן ווען ער
וואָלט געקענט ריידן

ווי דו,
האָב איך געוואָלט
זיך נאָר געשטאַלטן,
און טרינקען זון,
און שלינגען
בעכערס רעגן;
נאָר וואָס זאָל איך טאָן,
אַז גאָט
האָט זיך אין מיר
באַהאַלטן,
און מאָנט
אַז איך זאָל קומען
אים אַנטקעגן.

ווי איך,
איז ער הפּנים
מיד געוואָרן
פון מאָטעמאָטיש־בייטנדיקע
פיר סעזאָנען,

פיר רויבפייגל
אויף קערפערס זוניקע
פון יאָרן,
און וויל אין מיר,
דורך מיר,
אַ פינפטן אַנען.

האָב איך די קייקעלאָך,
די רויטע
און די ווייסע,
פון בלוט מיינעם
גענומען פאַרשן
מיקראָסקאָפּיש;
איז אויפגעגאַנגען
פאַר מיין אויג
דער צויבער
פון אַ מעשה,
געמיניעט זיך
אין פאַרבן
גאָרדיש־טראָפּיש.

איצט ווייס איך:
זון איז בלוט
און בלוט
צעשמאָלצן זון איז;
אוןביידע וואַרימען
און ביידע קילן;

ס׳איז איין געזאַנג
געזונגען
אויף אַזוי פיל
אומות;
ס׳איז איוב
אויסגעמישט
מיט תהלים.

איך האָב דאָך שוין די נעמען
באַלד פאַרמישט אַפילו,
נאָר אַלע מיינע אברים
זאָגן אָמן:
— דאָס טובל איך זיך איצט
אין לעצטער
פייערדיקער
טבילה,
און באַלד
באַווייז איך זיך,
און —
טרעף מיין נאָמען...

מעשה בראשית

צעלן און צעלן און צעלן;
אויפריר און יוירן, —
וואָס איז געשטאָרבן
און וואָס איז געבוירן?
גאָרנישט געשטאָרבן,
גאָרנישט געבוירן,
נאָר אַ געשטאַלטן, —
מאַגיקער,
טראַגיקער,
ווער האָט זיך הינטער
דיין נאָמען באַהאַלטן?

וואַסערלאַד,
טעסטובן,
רויטע
און בלויע
און ווייסע:
— תפילות פון כהנים —
פחד געכפלט אויף גלויבן;
איך דאָ פון אונטן,
און דו דאָ פון אונטן
און אויבן,
דערציילן זיך אפשר דאָס
איינער דעם צווייטן אַ מעשה,

און פון אַט דער מעשה
דאָס לעצטע און גרעסטע קאַפּיטל;
ווייל מיט אַלע אברים מיינע
איצט טו איך דיך אָנעז;
און אפשר אַזוי, מיט
אַן אָפּענעם קאָלנער,
דעם קאָפּ אָן אַ היטל,
און דו אפשר אויך אַזוי,
וועלן מיר שטיין בלייבן
פּנים אל פּנים.

וועלן מיר האָבן אַזוי פיל
זיך איינער דעם צווייטן דערציילן,
אַזוי פיל, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן,
געטראָפן אַזעלכענע זאַכן;
אַז מיר וועלן מוזן,
כדי מיט די איינדרוקן
אַלע זיך טיילן,
אָנהויבן די מעשה
פון אָנהויב,
און אפשר זיך
הילכיק צעלאַכן.

געזאַנג צום מענטש אין יאָר תש"א

אין יאר פינף טויזנט
זיבן הונדערט
און איינס
נאָך בריאת העולם,
ווען שטאָלענע פייגל
רעגענען טויט
איבער דער וועלט,
רעגענען פאַרניכטונג,
און די קליגסטע קעפּ
און גרעסטע למדנים
זוכן אַן אורזאַך
און אַ ריכטונג;
אין אַט דער צייט
פון קאַלענדאַר
וויל איך זינגען צו דיר
אַ געזאַנג,
גאָט־געשאַפענער,
גאָט־געשטאַלטיקטער,
גאָט־פאַרקערפּערנדיקער
וואונדערלאַכער גולם.

אין אַ טראָפּן ים
ליגט דער סוד

פון גאַנצן ים;
אין אַ טראָפּן מענטש
ליגט באַהאַלטן
דער סוד
פון גאַנצן מין;
און די צייט
פון באַוואוסטזיניקייט
איז קורץ,
ניט מער ווי אַ שפּאַן
צווישן צוויי סאָלידע ווענט,
צווישן פונוואַנען
און וואוהין.

אין דעם קורצן שפּאַן
פון באַוואוסטזיניקייט
הונגערסטו,
קריינקסטו,
לאַכסט
און געבערסט;
געוועלטיקסט
און גיסט זיך אונטער
צום זאָמען
פון אייגענעם דיך;
פאַרן שטאַרבן
באַשאַפסטו זיך
אַ לעגענדע
פון אייביקן איך;

שטעלסט אויף
אַ בנין פון פסוקים
אַז דו ווערסט...

אין דיין מח
פאַכן פליגל,
הילכן טריט;
הינטער דיר —
נאַכט;
פאַראויס פון דיר —
נאַכט.
און דו,
אַ פינטעלע
אין דער מיט.

ווער קען די יסורים
פון גוף און פון נפש
פאַרטראָגן
און ברוך,
געלויבט איז,
ווי דעם שם המפורש
זאָגן;
זיך איבערענטפערן
דעם טויט
ביינאַכט
אַז פאַרכט
און אַז קלאָגן

און ווערן צוריק
געבוירן
ווי נאָר דער באַגינען
נעמט טאָגן?

דו,
וואָס דיין נאָמען
איז הייליק;
דו,
וואָס דיין נאָמען
איז גרויליק;
דו,
וואָס דיין נאָמען
איז מענטש.

ווער קען זיין ברודער
קאַלטבלוטיק,
ווי אַ קאַלב,
צו דער שחיטה פירן,
אים בינדן
און שאַרפן דעם מעסער
און זיך פון זינען
ניט רירן;
באַקלאָגן דעם טויט
פון אַ קינד
וואָס פריצייטיק
געשטאָרבן איז

אָרים;
דערפּילן דעם טרויער
פון האַרבסט
און באַוויינען דעם טויט
פון אַ וואָרים?

דו,
וואָס דיין נאָמען
איז הייליק;
דו,
וואָס דיין נאָמען
איז גרויליק;
דו,
וואָס דיין נאָמען
איז מענטש.

ס'איז ניט קיין קליינִיקייט
צו זען:
— די זון
טאָג נאָך טאָג
געבוירן ווערן
און שטאַרבן;
די פאַרנאַכטן,
ווי קדושים,
אויסגיין
אין פלאַקער
פון פאַרבן;

די טעג,
ווי נאָענטע קרובים
אַרויסצובאַלייטן;
אַ מענטשן,
אַ ליבן און נאָנטן,
ליגן אַ טויטן;
לאָזן דעם דמיון
צום כסא הכבוד
דערלאַנגען,
און זיין אַליין
ביי די אייגענע גלידער
געפאַנגען.

אַז דו אַקערסט,
דאָס טוסטו אַקערן
דיין אייגן לייב;
אַז דו זייסט,
דאָס טוסטו פאַרזייען
דאָס לייב פון דיין ווייב;
אַז דו פאַרלענדסט,
דאָס טוסטו פון זיך אַליין
שטיקער פאַרלענדן,
כדי דו זאָלסט נאָכאַמאָל קענען
מיט נייער זריעה,
אַזוי ווי מיט תפילה,
צום לעבן זיך ווענדן.

האַסט געבויט
און האַסט צעשטערט,
טוסט ווייטער
בויען און צעשטערן;
גוט אַזוי,
דאַס לייקנסטו כסדר
דעם שקר
פון דיין ניט־ווערן;
דאַס שיילסטו זיך אַרויס,
ווי פון אַ שאַלאַכץ,
פון דיין הכנעה
און געהאַרכן,
פון דיין קליין און נישטיק לעבן,
פון דעם ליגן פון בעל כרחך.

הערסט?
וואָס הערסטו?
אַנסט?
וואָס אַנסטו?
הינטער דער פאַרניכטונג
בלענדט די סיבה;
הינטער דער צעשטערונג
גייט עס אויף
און ווערט:
— ס׳וועזן דיינס,
וואָס האָט פון אָדם קדמונען
באַהאַפטן זיך כסדר מיט דער ערד,

גייט אויף,
דער שם המפורש
ווערט געשטאַלטיקט:
— ליבע — — — —

דער בעל־שם פון היינט

דער אמת פון מײַנע ברידער

די ערד שלאָגט אַרויס
מיט רויער קראַפט,
דער באַגינען —
מיט ליכט
און מיט לידער;
און ווי פון צײַטיקע בוימער
זאַפט
שלאָגט אמת
פון מײַנע ברידער.

ווי דער זײער קערנער
מיט בלויזע הענט,
האָבן מײַנע ברידער
אמת צעשאָטן;
און געזען אים אויפגיין
דורך שפּאַלטן פון ווענט,
און דורך בלוט
אויף עשאַפאָטן.

ווי סוף־זומער זאַנגען
אונטערן מעסערשאַרף
פאַלן איבער דער וועלט
מײַנע ברידער,
און ווי ליכטיקער טרויער

פון אונטער אַ האַרף,
גייען אויף מיינע ברידער
אין לידער.

דאָס ליכט פון דער וועלט
שפּילט אויף מיינע ברידערס׳ הויט,
ווי זונפאַרגאַנג
שפּילט זיך מיט פאַרבן, —
מיינע ברידער גייען
צום לעבן דורך טויט
און זינגען
בשעת זיי שטאַרבן.

ווער עס האָט אַט דאָס געזאַנג
פון מיינע ברידער דערהערט,
דער האָט מיט אייביקייט
באַהעפט זיינע גלידער, —
ווייל ליכטיק ווי זון
און פשוט ווי ערד
איז דער אמת
פון מיינע ברידער.

דריי יונגעלייט און אַ בלאָנדע פרוי

ווערטער לויכטן אויף דורכן רויך
ווי בליצן,
פאַלן אויף די טישן,
ווי אויף לאַנקעס טוי;
ביי אַ טיש ביי אַ רונדן
זיצן
דריי יונגעלייט
און אַ בלאַנדע פרוי.

אין דרויסן
דאַס לעבן אין גרויען
יאַגט נאָך אויף מאַטאָרן
דאַס גליק;
ביים טיש זיצן פיר
און בויען
פון פעדימלאַך חלום
צו דער זון אַ בריק.

זאָגט איינער:
— וואָס קען זיין שענער ווי הערן
פון אמת די ליכטיקע רייד;
איך וועל

אַ ווייסער פויגל ווערן,
און רופן
צו ערד און צו פרייד.

זאָגט דער צווייטער:
— פון אַלע פיר עקן
אַזאַ ליבשאַפט קומט אַן
אומגעריכט;
איך וועל ווערן אַ זונשטראַל
און וועקן
צו וואַרימקייט
און צו ליכט.

זאָגט דער דריטער:
— עס איז גוט צו וויסן
אַז טויט
קען ווי זון
זיין צעהעלט;
איך וועל ווערן בלוט
און זיך גיסן
אין די אַדערן
פון טויטן העלד.

זאָגט די יונגפרוי:
— איך טראָג זון
אין די לענדן,
ביי מיין לעבן

און אייערן,
איך שווער:
— וואָס עס טוט
דער טויט פאַרלענדן,
איך, מוטער,
צוריק געבער.

ביים טיש
נעמט דורכן רויד
זיך ווייזן
דאָס ווייטע שטערנדל:
— גליק —
און ס׳גייען איבער חלום,
ווי איבער אַ בריק פון אייזן:
— סאַנקט־משה,
— סאַנקט־טאָני,
— סאַנקט־דיק.

גערזאַנג פון פיר הייליקע ברידער

אַז אומזעבאַרער מאָלער
צייכנט די שעה'ן
מיט פאַרביקן טינט,
טאָג פאַלט אויף אַלע פיר
צו דער ערד אַנידער;
דורך נאַכט און דורך נעבל,
דורך זון און דורך ווינט
גייען געאַרימט
פיר הייליקע ברידער.

און איינער זינגט:
— כה אמר אדוני,
גאָטס קול
רעדט דורך שאָף
און דורך לעמער;
איך, משה,
דער זון
פון אַ פשוטער פרוי,
טראָג גלויבן
פולע עמער.

און דער צווייטער זינגט:
— איידער זון גייט אויף

מוז די פינצטערניש
ווי מילשטיינער מאַלן;
איך, ישעיה,
דער זאָמען
פון אמוצעס גוף,
טראָג וואָר
אין געוועב
פון אַ חלום.

און דער דריטער זינגט:
— אין דער מי פון הענט
ליגט דער לויטערער
אמת פון יאָרן;
איך, מאַרקס,
פון אַ שטאָם
וואָס האָט גאָט
דערקענט,
טראָג דערלייזונג
אין רויש פון מאַטאָרן.

און דער פערטער זינגט:
— דאָס שפּיל פון אַ ווינט
איז פון געדאַנק
פון טיפסטן
טיפער;
איך, איינשטיין,
פון זון און ערד

אַ קינד,
טראָג אייביקייט
אין סוד פון אַ ציפּער.

אַז אומזעבאַרער מאָלער
צייכנט די שעה׳ן
מיט פאַרביקן טינט,
נאַכט הויכט דעם אָטעם אויס,
ווי אַ גוף אַ מידער;
דורך נאַכט און דורך נעבל,
דורך זון און דורך ווינט
גייען געאַרימט
פיר הייליקע ברידער.

ליבשאַפט וואָס איז אייביק ווי דער טויט

איצט האָט די רשעות
זיך צעצונדן
מיט אַ גרינעם פייער;
די זון האָט זיך געזעצט
גאָלדיק, מיד און רויט, —
אַ, ברידער,
די ליבשאַפט
לאָמיר האַלטן טייער,
די ליבשאַפט,
וואָס איז אייביק
ווי דער טויט.

ליבשאַפט און טויט
האָבן זיך די הענט געגעבן
אין אַ פינצטערן קאַמער,
אויף אַן עשאַפאָט:
— אַ מענטש
איז טרויעריק
אַרויס פון לעבן,
און אַ פריידיקער
איז אויפגעגאַנגען
גאָט.

אין פעלד
האָב איך געהערט
דאָס קערנדל
ריידן,
און דאָס וואַסערל
האָט זיך געבעטן
שטום:
— וואו ביזטו,
מענטש? —
און ער האָט
געענטפערט
ביידן:
— אָט באַלד,
אָט באַלד,
איך קום...

אַ, ברידער,
וואָס איר זענט
אין צווייפל
גלייביק,
וואָס אייער לעבן
טראָגט איר,
ווי אַ קינד
אויף די הענט, —
ווי די ליבשאַפט אַליין
זענט איר אייביק;
ווי זון אין די אויגן
אייער שיינקייט
בלענדט.

ווי אַ זייער קערנדלאַך
די שיינקייט פּאַרפּלאַנץ

ווער קלאַפּט
אין די טויערן
פון לעבן?
ווער קלאַפּט
אין די טויערן
פון טויט?
מיין חבר,
וואָס האָט
מיט ליבשאַפט
געגעבן
סוד פון בלוט
אויף דער ווייסקייט
פון הויט.

דאָס טראָפּענדל וואַסער
שפּאַלט דעם עטער;
דאָס קערענדל זריעה
שפּאַלט די ערד;
דער שטויב
פון פּאַרשימלטע
בלעטער
ליכטיקייט

נייע
געבערט.

דאָס פּשוטע וואָרט
אַנטפּלעקט ליכטיקייט
פון תורה,
זייט,
ווי קערנדלאַך,
ליכטיקן מוט;
ווען,
ווי טוי אין זון,
עס ווערט פאַרשוואונדן
די מורא,
ווערט
פרימאָרגנדיק זונליכט
פון בלוט.

אָ, זעט,
מיט וויפל לויטערן
לעבן
די זון ווערט רויטער
יעדן טאָג
באַפאַרבט;
ס׳איז דאָס ליכט,
וואָס איז אונז
אַלעמען
געגעבן,

פון אַ מענטשן,
וואָס אויף דער תליה
שטאַרבט.

אין די נאָנטסטע
און אין די ווייטסטע
ערטער
גייען ברידער
שטאַרבן,
ווי צום הייליקן
טאַנץ;
פון אַלע,
חבר,
קלייב אויס
די פשוטסטע
ווערטער,
און,
ווי אַ זייער
קערנדלאַך,
אַט די שיינקייט
פאַרפלאַנץ.

טרויער,
חבר,
איז ניט קיין
טרויער,
נאָר דיסטילירטע

עסענץ פון
פרייד;
לייג צו צום לעבן
דאָס אויג
און דעם אויער,
וועסטו זען
און הערן
וויפל ליכטיקייט
עס ווייט.

באַלאַדע

— תליון,
ביטע דעם חשבון דערלאַנגען
און הייס אַנשטעלן די אַרגלען;
— יאָ, מיין האַר:
פינף געקעפּט און צען געהאַנגען
ווי וועוויריקלאַך פאַר די גאַרגלען.

— תליון,
איך הער מענטשן־שטימען ריידן,
אין דעם גאַנג פון דער סאָנאַטע;
— מיין האַר,
דאָס פירט צו דער עקדה
זיין יונגן זון אַ טאַטע.

— תליון,
ווי איז געווען דער מוט,
און וואָס געזאָגט ביים שטאַרבן?
— גאָט,
כח גיב, דורך אונזער בלוט
די ערד מיט ליבשאַפט פאַרבן.

— תליון,
וואָס טוט אין פענצטער דער גוף
אַ צעצונדענער אין פלאַקער?

— מיין האַר,
דאָס איז דאָך די זון וואָס גייט אויף
צו בענטשן האַנט און אַקער.

— תּליון,
דער פויגל ביים פענצטער שרייט
ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס זאָגן;
— מיין האַר,
דאָס ברענגט ער דאָך פון דער ווייט
דאָס פרימאָרגנליד צוטראָגן.

— תּליון,
וואָס האָט זיך דאָס אַזוי צעבליצט,
און ווער בלאָזט עס אין גילדערנעם האָרן?
— מיין האַר,
דאָס האָט זיך די אַרבעט איצט
צעזונגען מיט ווייץ און מיט קאָרן.

— תּליון,
די תּפיסה צעעפן ברייט
און ווייז זיי די תּליה־שטאַנגען;
— מיין האַר,
פון תּפיסה־הויף דער טויט
איז באַגינען אַוועקגעגאַנגען.

— איך ווייס ניט ווער ס׳האָט אַ קרויז
אים אָנגעטאָן
און ווער ס׳האָט אַ פאָן אים געגעבן;
נאָר איצט גייט ער געאָרימט מיט דער זון
און רופט זיך אייביק לעבן.

ניואַנס פאַרן טויט

פריינט,
שונא,
באַקאַנטער,
אומבאַקאַנטער,
די
פון דער ווייט
און די
פון דערנעבן;
זעער
פון שוואַרץ
און זעער
פון ווייס
און זעער
פון רויט;
יונגערמאַן,
יונגפרוי
און ווייב,
זינגער
און שפילער
פון לעבן,
לאָמיר
אין שפיל
און געזאַנג

אויך געפינען
ניואַנס
פאַרן טויט.

ניט אין שוואַרץ,
אַן געוויין,
נאָר ווי ליכט
וואָס דערלאַנגט
צו די שטערן;
ווי אין פריידיקן
כאָר
אַן אַקאָרד
פון אַ לויטערער
שטים:
— וועמענס אויער
איז שאַרף
דאָס געזאַנג
פון באַפרייאונג
דערהערן,
אויב ער האָט
ווי המכבי,
זשאַרעס
זיך ניט שטענדיק
געחברט
מיט אים?!

האָסט געלעבט
נאָר אַ טאָג

מיט אַ נאַכט,
האָסטו געלעבט
גאָר דאָס לעבן;
ביים דערקענען
צום ערשטן מאָל
דיין ווייב,
האָסטו גאָר
די פרייד
שוין געהאַט;
אַזוי האָט דאָך
הלל הזקן
אַ פירוש
אויף דער תורה
געגעבן:
— ואהבת
לרעך
כמוך, —
און דאָס איבעריקע
איז מער ניט
ווי פשט.

לאָמיר דערקענען
דעם טויט,
ווי דער פשוטער
איד
אין אַ קידוש־השמיקער
שעה;

אַז קײן
אַנדערער װעג
װי צו זינגען
דעם לעבן
אַ שבח
איז ניטאָ.

גוטמאָרגן, מענטש

ברידער,
די פּשטות פון לעבן
איז ווי די פּשטות פון תורה;
פון דאַנען ביז צו דער זון,
אַ, גלויבט מיר,
איז ניט מער ווי אַ שפּאַן;
דער ציפער איז הילפלאָז,
ביז מיר וועלן באַזייטיקן
פון בלוט די מורא,
אַ ליכטיקע פרוי,
אַ, ראָבוסטער און ערדענער מאַן.

איצט איז אָנהויב צייט;
פון אַלע זייטן און אַלע וועגן
דער יום־טוב
פון רויטער און ווייסער צעל
גענענט;
לעבן און טויט
האָבן זיך באַגינען
אויף אַ תליה באַגעגנט,
און ווי אייגענע
און נאָענטע
זיך דערקענט.

אַ, זעט,
מײנע ברידער,
טוט אַ קוק
און זעט
ווי שײן
דער שוואַרצהויטיקער,
דער ברוינהויטיקער,
דער װײסהויטיקער
קען שטאַרבן;
ניט מיט דעם טרויער פון וואַקסליכט
אַרום אַ ווײסן בעט,
נאָר מיט דער ליכטיקײט
פון רעגנבויגנס פאַרבן.

מענטשן טרויעריקע
האָבן זיך פאַרזאַמלט,
און מײן חבר
מיט נאַקעטער ברוסט
האָט גערעדט,
און אונטער די רײד
איז פון הערצער,
ווי פון מעטאַל,
געפאַלן דער זשאַוער;
אויף אַ דערבײיאיקן בוים
האָט זיך אַ פויגל צעזונגען,
און קײנער האָט ניט געוואוסט:
— צי דאָס זינגען די מענטשן

וואָס הערן,
צי דער פויגל זינגט,
צי מיין חבר.

ערד,
אייביק־פרישע ערד,
וואָס אויף דיר וואַלגערט זיך
אַ היימלאָזער מענטש,
זע,
ווי ער האָט צעזונגען דיין גרויסקייט
מיט צוויי נאַקעטע הענט;
זון,
בלוט פון דער וועלט,
זע,
מיין דור איז געבענטשט,
מיין דור האָט דעם אמת
פון בלוט
און פון ערד
און פון זון
און פון שיינקייט
דערקענט.

צווייפלער,
הער דאָס כעמישע וואַסערל זינגען,
דאָס זינגט חבר גאָט;
הינטער דער שנאה
די ליבשאַפט קוואַלט

פון קוואַלן
וואָס ליגן נאָך פֿאַרבאָרגן, —
צו פֿריינט און צו שונא,
צו זון און צו רעגן,
צו פֿעלד און צו שטאָט
קער אום דיין טרויעריק פּנים,
און זאָג הילכיק און קלאָר:
— גוטמאָרגן!

ווי אַ קינד לערנט די ליכטיקייט
פון ווערטער אויס

דו, וואָס דו האָסט אָנגעצונדן די זון,
וואָס איך ווייס ניט ווי אַזוי און פון וואַנעז,
וואָס דו האָסט דאָסזעלביקע פייער פאַרוואַנדלט
אין רויטער פליסיקייט ביי אונז אונטער דער
הויט, —
איך פון היינט, ווי אַ נאַנטער, אַן אייגענער,
אַט דאָ, פון דאַנען,
וויל דיך רופן מיט די פשוטע ווערטער:
— מענטש, לעבן, טויט.

דו, וואָס דיין נאָמען איז גאָט,
דאָס האָסטו די ליבשאַפט אָנגעצונדן
ווי אַ הייליק ליכט,
אַז איך, וואָס מיין נאָמען איז מענטש,
זאָל ניט רוען
ביז איך וועל עס דערגרייכן;
זע, דעם לויטערן שמייכל פון פיין,
וואָס איז געוואָרן ליבשאַפט
אויף מיין חברס געזיכט,
הער דעם פריידיקן ריר פונם בלוט,
וואָס דעם חלום עקשנותדיק צייכנט.

מאַטעמאַטיקער,
זינגער פון צייכנס און ליניעס,
זוכער פון אמת אין ציפער,
דעם צייכן פון בלוט אויף דער ערד
מיט וואָס וועסטו דערקלערן?
דער צייכן פון בלוט אויף דער ערד
איז איינפאַכער און טיפער;
דער שמייכל פון פיינלאַכער פרייד
איז ליכטיקער ווי דאָס ליכט פון שטערן.

ווער האָט די מורא אין בלוט פאַרפלאַנצט,
ווי אַ דאָרן?
ווער האָט דעם טויט באַגאָסן
מיט שוואַרצן טינט?
האָרך, די קלאָרקייט גייט אויף
אין לעגענדע פון ליבשאַפט דורך צאָרן,
ווי אַ רעטעניש וויקלט זיך אויף
אינם קאָפּ פון אַ קינד.

אַז אַ מענטש אַ צעשטראַלטער
שיינקט זיין לעבן אַוועק,
זינגען אויף אין זיין בלוט
אַלע פאַרבן,
ווערט דאָס בלאָזן פון ווינט
און דאָס וואַקסן פון גראָז
און דער ציטער פון בלאַט
אים דערקלערט, —

ווי אַ קינד לערנט די ליכטיקייט
פון ווערטער אויס,
אָ, ברידער,
לאָמיר זיך אויסלערנען שטאַרבן,
אַז דאָס לעבן זאָל אויפגיין
אַזוי וואַרים ווי זון
און פריש ווי צעאַקערטע ערד.

ווי קערנדלאַך זריעה די מאַמע ערד

סקעפּטיקער,
לייג אַוועק אויף אַ ווייל
דעם ספר אַן אַ זייט;
די ביבל פון היינט
ליגט אָפן — אַ הימל
אַ באַשפּרינקלטער
מיט שטערן;
ווי אַ יונגפרוי
ביים זייט פון געליבטן,
ליגט ביים שוועל ביי אונזערן
די צייט,
ווייסע זייטלאַך
צאַפּלען פון אומגעדולד,
ווילן פאַרשריבן ווערן.

שוואַרצער טינט,
ליכטיקער געדאַנק,
שרייב,
מאָל,
צייכן, —
פון וואַנען האָסטו זיך גענומען,
זון?
ווער האָט דיך געבוירן,

טאָג?
— דער זייער אויפֿן פֿעלד,
דער גרעבער אין דער טיף,
דער קלעטערער אין הייכן,
דער זינגער פֿון אַטאָם,
די בייגל־פֿאַרקויפֿערן אויפֿן ראָג.

בלאָנד און מוטערלאַך
איז געווען די יונגפֿרוי
וואָס האָט געליכטיקט
אויפֿן סקווער אירע רייד:
— לעבן,
איך בין פֿאַרליבט אין דיר;
טויט,
איך וועל זיך פּרוכפּערן און מערן;
(ווער האָט די צייט אַוועקגעשאַרט
און אַ ווייע געטאָן אויף מיר די פֿרייד
פֿון חנה, דער מוטער, מיט אירע זיבן קינדער,
ווי זיבן צעזונגענע שטערן! ...)

— איך האָב געהאַט אַ געליבטן
יונג און ליכטיק, ווי גליק.
איז ער אַוועק דעם טאָג
מיט יוגנט און מיט ליבשאַפֿט
פֿאַרבן;
האָב איך, פֿרוי און מוטער,
אים געבוירן צוריק,

איצט וועט ער, ווי זונשייַן,
מער קיינמאָל ניט שטאַרבן.

— און איר אַלע וואָס שטייט דאָ
אַרום מיר און הערט,
גייען דעם וועג פון מיין געליבטן
טו איך אייך באַשווערן, —
ווי קערנדלאַך זריעה
די מאַמע ערד
וועל איך אייך אַלעמען
צוריק געבערן.

אַ מענטש זינגט אויפֿן סקוווער

א, ווייסער, קענער,
דערצייל ניט פון אַמאַליקער ווייט,
איך וויל ניט הערן
און איך וויל ניט גלויבן;
די ווייט איז שיין,
נאָר די אמתע שיינקייט
פון צייט,
האָט זיך ערשט נעכטן
אָדער אייערנעכטן
אָנגעהויבן.

נעכטן, אָדער אייערנעכטן,
ווען מיין חבר
איז אַרויס אויפֿן סקוווער
מיטן בלויזן קאָפּ,
און געזאָגט צו אַן עולם:
— דו — מענטש — גאָט,
אַזוי פּשוט ווי מען זאָגט:
— טרויער,
פרייד,
באַגער;
אַזוי פּשוט ווי מען זאָגט:
— לעבן,

טויט,
סוד.

האָסטו געפילט אַמאָל
די פּלוצלינגע אַנטפּלעקונג פון ליכט
אַ בליץ טאָן,
ווי אַן עלעקטרישער שטראָם
אין דיין וואַרים בלוט?
איך האָב געהערט
ווי אַ מענטש,
אַ פאַרלוירענער,
האָט אויפגעזונגען נעבן מיר
אומגעריכט:
— איצט ווייס איך,
איצט ווייס איך,
וואָס מען טוט —

— דעם קנויל פון מיינע טעג
וועל איך צעבינדן,
און מיט דער פליסיקייט
פון מיינע אָדערן — מיין פּאָן,
וועל איך פאַר די אויגן פון אַלעמען
זיך צינדן,
ווי דער באַגינען,
ווען די זון צינדט אים אָן.

אויפן סקוועער
איז אין ערשטער שיינקייט געלעגן

װי זונשײַן, דער פּרימיטיװ,
װען דער מענטש
האָט אױף מיר מיט נאַנטקײט גערעגנט,
װי מען טוט אַמאָל
צו אַ חבר אין אַ בריװ.

ווי אַ יונגפרוי שיין און פראָסט

אויף דער פּראָוואָקאַציע פון די עסטרייכישע פאַשיסטן איז אין 1934 אין עסטרייך פאָרגעקומען דער אויפשטאַנד פון די סאָציאַליסטישע אַרבעטער קעגן דער דעמאָלסדיקער דאָלפוס־רעגירונג. די רעגירונג האָט מיט פייער און בלוט דעם אויפשטאַנד אונטערדריקט. די פירער פון אויפשטאַנד האָט מען שפּעטער הינגעריכטעט. איינעם פון די פירער, צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַן ערשט־קלאַסיקער אינזשענער און איז געווען שטאַרק ביצלאַך פאַרן לאַנד, האָט די רעגירונג אָנגעבאָטן צו שיינקען דאָס לעבן, אויב ער וועט חרטה האָבן און ווערן גוט און פרום. דער איינער האָט געהייסן קאָלאָמאַן וואַליש. ער האָט דעם אָנבאָט צוריקגעוויזן און איז געגאַנגען צו דער תליה. פאַרן טויט האָט ער געשריבן אַ בריוו צו זיין דריי־יאָריקן זון, אַ ליכטיקע צוואה, זיך געזעגנט מיט אים, און אים אָנגעזאָגט אַז ווען ער וועט אויפוואַקסן, זאָל ער גיין דעם וועג פון אמת אוןווידמען זיין לעבן דעם קאַמף פאַר דער שיינקייט און הייליקייט פון לעבן, ווען דאָס וועט מאָנען ביי אים אַפילו דעם העכסטן פרייז — דאָס לעבן.

די טעג היינט זיינען שטאַרק,
ווי גוט־געעלטערטער ווייז,
דאָס געזאַנג פון פייגל

צווישן די בוימער
פאַרוואונדעט און היילט;
די ראַדיאָ פאַרדריי,
און הער זיך איין
וואָס דאָס באַקעטע לעבן
אויף יענער זייט פענצטער דערציילט:

— די מורא וואָיעט ווי אַ הונט
אַרויף צו די שטערן,
דער טויט האָט מיט שטעכיקן דראָט
זיך אַרומגעוועבט, —
— קאַלאַמאַן וואַליש,
האָב חרטה,
און ס'וועט דיר געשאַנקען ווערן, —
קאַלאַמאַן וואַליש ענטפערט:
— זאָל לעבן — זאָל לעבן —
— עס לעבט! —

דריי־יעריק זונעלע,
מיר וועלן שפּילן דאָס שפּיל
פון טויט
און פון לעבן
און פון גאָט;
הער ווי דער פרימאָרגן־פויגל זינגט,
דער פרימאָרגן־פויגל האָט אונז דערקענט,
און די זון האָט אונז אויסגעלייגט
אַזאַ ווייכן וועג
אַריבערן שטעכיקן דראָט.

צווייפל,
קום אַהער
און איך וועל דיר פּלעטן דעם קאָפּ;
אַפּאַטיע,
איך האָב צוגעגרייט אַ תּליה
פֿאַר דיינעטוועגן, —
אַ מענטש האָט גענומען
און איז פֿון דער תּליה אַראָפּ,
און האָט, ווי זון, זיך צעגאָסן
אַריבער די וועגן.

נביא פֿון אַטאָם,
וואָס ווילסטו
דורכן וואָסערל דערגייין?
— איך זוך דעם וועג
צו דעם שענסטן
און לעצטן
געבאָט.
— לאָמיר נעמען דאָס ליד
און דעם חלום פֿון וואָסערל,
און לאָמיר גיין
דעם וועג צו דער זון,
וואָס פֿירט
דורכן שטעכיקן דראָט.

זינג אויף אין מיר, וואָרט,
וואַרים ווי זון

און שניידיק ווי פראָסט;
ברייננסט די בשורה פון טויט,
און דורכן טויט
די בשורה פון לעבן:
— אַ מענטש, אַ פאַרליבטער,
האָט אַזוי וואונדערלאַך
שיין און פראָסט,
ווי אַ יונפרוי,
גענומען און זיך דער וועלט
אַוועקגעגעבן.

דער בעל־שם פֿון היינט, מיין חבר

זון, מיין זון,
ווי דו האסט זיך עס צעשיינט;
טאָג, מיין טאָג,
וויפל לויטערקייט
דו האסט געבראַכט צוטראָגן, —
איך האָב געהערט מיין חבר,
דעם בעל־שם פֿון היינט,
אויף אַ סקווער,
אַ טומלדיקן,
תורה זאָגן.

אויפֿן סקווער זיינען געשטאַנען
מענטשן אַ סך
און האָבן געהערט:
(שוסטער, שניידער, ליידיקגייער,
הענדלערקעס מיט בייגל)
רייד פרישע,
ווי נאָר־וואָס צעאַקערטע ערד,
רייד ליכטיקע,
ווי מחנות ווייסע פייגל.

אַ ליבשאַפט, אַ צאַרנדיקע,
האָט פֿון פנימער

אַרויפגעשטראַלט
צו די הייכן,
ווי פליגל
האָבן זיך אין דער לופטן
געהויבן הענט;
טאָג,
נעם און פאַרשרייב;
זון,
נעם און פאַרצייכן
די ערשטע זייטלאַך
פון אַ נייעם טעסטאַמענט.

אַ מענטש, אַ פרעמדער,
איז געקומען
און געזאָגט:
— הער אויף!
טויט קוקט אַרויס
און לויערט
פון פאַרבאָרגענע שפּאַלטן;
האָט מיין חבר געזאָגט:
— גוף איז הייליק,
נאָר הייליקער פון גוף
איז די ליכטיקייט
וואָס הינטער דער אויבערפלאַך פון הויט
ליגט באַהאַלטן.

טויט איז טרויעריק אויף אַ בעט
מיט אַ ווייסן ליילאַך פאַרצויגן;
אויף אַ סקווער אין שטאָט

איז עס העלער און ליכטיקער שיין, —
אַ, חבר,
קוק אויף מיר
מיט דעם פייער
פון דיינע אויגן,
לאָמיך טרינקען
די פרייד
פון דיין ליכטיקן מוט,
ווי וויין.

פון די פיר זייטן אויפן סקווער
ברענגען די פיר ווינטן אַראָפּ
דעם ריח פון פרישער ערד
און פון צייטיקע גאַרבן;
מיין חבר ליגט אויף דער ערד
און איבער זיין הוילן קאָפּ
גייט אויף, ווי אַ רעגנבויגן,
אַזאַ פּשטות פון פאַרבן.

אַזאַ פּשטות פון פאַרבן גייט אויף,
און סקווער הערט אויף צו זיין סקווער,
אַ ליבשאַפט צעגיסט זיך אַ לויטערע,
ווי די לויטערקייט פון שטאָל הינטער זשאַווער;
צוויי ליכטיקייטן שניידן דעם טרויער,
ווי צוויי טיילן פון אַ שער:
די זון פון אויבן,
און דאָס הייליקע פּנים
פון בעל־שם פון היינט,
מיין חבר.

די שיינקייט פון מיין דור

די שיינקייט פון אַ זון
אַז אונטערגעגאַנגענער,
די שיינקייט אין פעלד
פון אַ צייטיקן גאַרב,
די שיינקייט פון אַ פרוי
אינמיטן שוואַנגערן,
איז אַוודאי ניט איבערצוגעבן
ניט מיט וואָרט און ניט מיט פאַרב.

אָבער שענער און וואונדערלאַכער,
ביז ניט צו באַגרייפן,
איז די פשוטע שיינקייט
פון מיין דור,
אין טעג אַזעלכע
וואָס, ווי אַן עפל, רייפן
דעם אמת
פון אונזער אויסגעחלומטער וואָר.

אָ, איר פון הויכע ווערטער
און פאַרנעבלטן געדאַנק!
אויף יענער זייט טיר
ליגט דער וועג צו דערקענונג;
אין די אומגעהובלטע ווערטער

פון מיין חבר, ליגט געזאַנג,
אין דער פרעמדקייט פון מיין שכן
ליגט די בריק צו דערנענונג.

אַ שטורעם אַ בייזער
האָט זיך אויפגעהויבן,
און שטורעמט אַרויס
דאָס לעצטע ביסל האָס;
מיין חבר שטייט
און טיילט אויס
קערנדלאַך גלויבן
צו אַלעמען, צו אַלעמען
אויף דער גאַס.

— פאַרזיכטיק, חבר,
איך הער קלאַפּן האַמערס,
שוין פאַרטיק,
שוין פאַרטיק
דער עשאַפאָט;
— זאָגט אַלעמען אָז
זיך האַלטן צוזאַמען, —
מיין חברס פּנים איז לויטער
און ליכטיק איז זיין טראָט.

— איך קום צוריק
מיט דער זון
און מיט די שטערן,

מיט די פֿייגל
און מיטן ווינט;
ווען פֿייגל זינגען,
לייג צו דיין אויער,
וועסטו הערן,
וועסטו הערן
ווי איך זינג.

פֿון איין קערנדל
וואַקסן אויס קערנדלאַך
הונדערט,
פֿון הונדערט קערנדלאַך
וואַקסט אויס אַ ברויט;
זעט, זעט
נאָך אַ גרעסערן וואונדער:
— מיין חבר מאַכט לעבעדיק
דעם טויט.

שיין איז אַ יונגפֿרוי
ביים אָנהויב רייפֿן,
שיין איז דאָס מיסטישע
ליכט פֿון קאַיאָר;
נאָר שענער און וואונדערלאַכער,
ביז ניט צו באַגרייפֿן,
איז די פּשוטע שיינקייט
פֿון מיין דור.

די ליבשאַפט ווי לופט פון
אונטער מענטשנס הויט

אַ פייל פון געדאַנק שיסט דורך
דעם קאָפּ פון אָראַנג־אוטאַנג,
טאָג כאַפּט זיך אויף מיט געשריי;
שטראַלן זון נעמען בלענדן;
און ווי קערנער פון ערד
גייט אויף אַ געזאַנג
אין דעם ציגלמאַכער
עמרמס לענדן.

גייט אַוועק דער געדאַנק
זייען קאָרן און ווייץ,
זייען גאָלד,
זייען פאַרבן ביים מאָלער;
און ווי מאַרגנזון פריש
וואַקסט אַרויס אויפן קרייץ
די מעשה
פון גלילער סטאָליער.

טוט די מעשה זיך אָן
אין אַ מאַנטל פון טויט,
און איבערן רוים
זיך צעגלעקערט;

און פון קעלער אַרויס
גייט אויף,
מאַרגנזונרויט,
די באַלאַדע
פון שוסטעריונג לעקערט.

און אַז ס׳קומט דער באַגינען
פון הינטערן וואַלד
אין דער נאַכטוועלט
אַריינבלאָזן אָטעם,
זעט ער אויפגיין אַ תליה,
און מולכוס געשטאַלט,
אין די ליכטיקע אויגן
פון באַטווין.

ווי לופט שפּרייט זיך ליבשאַפט
פון אונטער מענטשנס הויט,
די שנאה קלאַמערט זיך
ווי שטויב אויף קופּאַלן;
און פוןביידע שטראַלט אויף,
דורך עלעקטרישן טויט,
ווי אויף פליגל,
סאַקאָ 1) - סאַוואַנאַראָלאַ. 2)

---

1) סאַקאָ איז אין 1927 היגגעריכטעט געוואָרן אויף אַ בלבול פון מאָרד, אָבער אין דער אמתן פֿאַר אַנאַרכיסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

פון אַלע טאָג דער מענטש
גייט דורך פעלד און דורך שטאָט,
און די ערד טוט דורך שטילקייט
אים בענטשן;
פאַראויס גייט משה,
פירט צום מענטשן גאָט,
און מאַרקס פירט צו גאָט
דעם מענטשן.

2) סאַוואָנאַראָלאַ — אַ קאַטוילישער גלח וועלכער האָט אין 15טן יאָר־הונדערט, אין פלאָרענץ, רעוואָלטירט קעגן דעם פויפסטס צביעות און קעגן דער קאַטוילישער קירך, און איז פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן, מאַי 23טן, 1498.

אַ שעה פון לויטערקייט

אַ שעה פון לויטערקייט,
און דאָס פֿאַרפּלאָנטערטע
וויקלט זיך פֿאַנאַנדער,
און ווערט פּראָסט
און פֿאַרשטענדלאַך
ווי זון
און ווי פּרישער ברויט;
אָפּגרונטן הערן אויף
צו זיין אָפּגרונטן,
און ראַנדן הערן אויף
צו זיין ראַנדן,
ווי וואָסער
ווערט דאָס לעבן
קלאָר,
און דורכזיכטיק
ווי טאָגליכט
ווערט טויט.

ווערטער געלייענטע
לויכטן אויף
עלעקטרישע,
שאַרפע
ווי בליצן:

— אַ מענטש,
אַ צום־טויט־פֿאַרמשפּטן
ווען מען צומאַרגנס
קעפּן, —
אַ מענטש האָט געוואָלט
מיט ליבשאַפֿט,
ווי מיט אַ מעסערל
איבערהאַקן די מחיצה,
די ערד צום הימל,
און דעם הימל צו דער ערד
ברענגען צושלעפּן.

— בלוט פֿון מײַן בלוט,
וואָס ביזטו געגאַנגען
זוכן אויף דער ערד?
— דאָס פּשוטע געזאַנג
פֿון ברויט,
דאָס חיות
צו דערגרייכן;
איז אַ נס געשען,
און מיר איז געווען באַשערט
דעם לויטערן אמת
אין ציטער פֿון רויען מעטאַל
צו דערהערן.

ווער וועט איינשטילן דאָס בלוט,
אַז די זון האָט מיט דעם

זיך באַפּאַרבן,
און פלייצט
אויף געזיכטער
און קעפּ
אַזאַ יונגן רויט;
איך לייען:
— אַז מיין חבר,
דער מענטש,
איז נעכטן באַגינען
געשטאָרבן,
האָט אַ פּלייץ געטאָן
לויטערע ליבשאַפט
פון אונטער זיין הויט.

ווי קינדער
שטייען מיר
און בעטן:
— ליכטיקייט,
בענטש אונזערע לייבער;
זאָל אויפגיין
די ליבשאַפט אין אונז,
ווי קערנדלאַך
באַד אַ רעגן;
ווי חסידים
דאָס ליכט
פון דער תורה
וועלן מיר

די קערנדלאַך ליבשאַפט
קלייבן,
און צינדן
אויפן וועג
צו דער זון,
ווי לאַמטערנעס
אויף פינצטערע וועגן.

מארגן וועלן מיר זיצן
ביים רונדן טיש
און מיט אונז
דיין גורל
דיין באַשערטער,
מיר וועלן ברעכן
פרישן ברויט,
און דיין אָנדיינק
וועט ווי אַ פויגל
איבער אונז שוועבן;
און דער איגנסטער
פון אונז
וועט אין פשוטע,
ליכטיקע ווערטער
דערציילן,
ווי וואונדערלאַך דער טויט,
און ווי צען מאָל וואונדערלאַך
דאָס לעבן.

דאָס האַרץ פון דער וועלט

אַ מעשה

ס׳איז אויפגעגאַנגען
אַ געדאַנק
און אַ געזאַנג;
איך בין אַליין אַרומגעגאַנגען
צווישן בוימער אין סאָד;
די בוימער האָבן גערעדט,
דאָס גראָז האָט גערעדט,
די ערד
האָט זיך פרילינגדיק
געשפּאָלטן,
אַ ווינט
האָט פון ערגעץ
אין ערגעץ
געטריבן,
דריי מלאכים
זיינען געקומען
צוגיין פון דער וועלט
און האָבן זיך
איינס נעבן אַנדערן
אויסגעשטעלט:
— איינער איז געווען
אין דער געשטאַלט
פון אַ גימל,

דער צווייטער
אַז אַלעף
אַנטקעגן נאַכטיקן הימל,
דער דריטער
אין אַ טעס
האָט זיך אויסגעמעלט;
דאָס האַרץ
האָט ציטערדיק
אַ זינג געטאָן:
— גאָט? — —

איך האָב געהערט
ווי דאָס גראָז
איז זיך פאַרגאַנגען
אין שווייגן;
די ביימער
האָבן זיך צעשאָקלט
מיט האַריקע צווייגן;
דאָס האַרץ
האָט צוריקגעענטפערט:
— גאָט! —

און אָט אַזוי
איז דאָס שוין
פאַרבליבן.

איצט שטיי איך
אינמיטן

און אַרום מיר שטייען
אומות,
און איינס
אויף דעם אַנדערן
האָבן תרעומות;
עס בליצן
שווערדן,
ווי רעגן
גיסט בלוט;
איך שטיי
אינדערמיט,
אָבער דאָס האַרץ
זינגט:
— גוט! —

ווייל פון דאַן אָן
האָט זיך אין דער וועלט
שוין גאָרניט געביטן, —
כאָטש מיין גוף
און נשמה
ווערן אויף פאַסן
צעשניטן,
גיי איך אָבער אַרום
צווישן אומות,
ווי צווישן ביימער
אין סאָד,
און פאַרגיי זיך

ווי גראַז
אין שטילסטן שווייגן;
אַרום מיר,
ווי צדיקים,
די דריי געשטאַלטן
שטייען;
איך שטעל זיי,
ווי אַמאָל,
צענויף
און לייען:
— דריי פייערדיקע
אותיות
זינגען:
— גאָט! —
און די אומות
שאָקלען צו
מיט פייערדיקע
צווייגן.

דאָס האַרץ פֿון דער וועלט

איך וועל ניט קלאָגן
די קלאָג פֿון דעם געשלאָגענעם;
איך וועל ניט אַרונטערבויגן
דעם קאָפּ,
און ניט פֿאַרציען מיט טרויער
די אויגן;
עס וויינט ניט אויפֿן שלאַכטפֿעלד
דער גיבור
ווען עס טרעפֿט אים אַ פֿייל
פֿון שונאס בויגן.

גרויס כבוד האָבן זיי מיר אָנגעטאָן
צווישן די פֿעלקער;
פֿאַר די אויגן
פֿון דער גאַרער וועלט
האָבן זיי מיין נאָמען
דערהויבן;
ווי שוואַך זיי זיינען,
אַז צו שלאָגן איין איד
דאַרפֿן זיי מחנות;
לעגיאָנען,
אויף צו ברעכן
אין מיין הויז די שויבן.

זיי זיינען גרויס אין צאָל
און פאַרמאָגן אַלע כלי־משחית;
מיין האַנט ציטערט
ביי דעם אָנריר פון אַ שווערד;
נאָר זע,
ווי עס שרעקט זיי
דער מינדסטער שאָטן
וואָס עס וואַרפן
מיינע זיידעס׳ גרויע בערד.

איך האָב צוגעלייגט מיין אויער
צו דער האַרץ פון דער וועלט,
האָב איך דערהערט אַ געזאַנג
וואָס איז לויטערער פון קוואַלן:
— דעם קנעכט זאָלסטו לאָזן פריי,
דעם הונגעריקן זאָלסטו שפּייזן,
די אַלמנה דערקוויקן,
דעם יתום זאָלסטו ניט לאָזן פאַלן.

איך האָב פאַרפאַנצערט מיין האַרץ
אַז קיין שנאה זאָל אַהין ניט דערגרייכן,
מיין אויג זאָל ניט פאַרטונקלען,
און קלאָרקייט זאָל זיך ניט אָפּטאָן פון מיין שכל;
אַז ווען דער טאָג פון רחמנות צו אַלע לעבעדיקע
וועט וויזן דעם ערשטן צייכן,
זאָל איך אים קענען באַגעגענען,
ווי אַ קינד די זון, מיט אַ שמייכל.

רינגלט מיד אַרום מיט געמויערטע ווענט
און מיט טויערן פון שטאָל און אייזן;
איך וועל זיי לעכערן מיט מיין געזאַנג,
(ביז דער שופר של משיח וועט שאַלן)
— דעם קנעכט זאָלסטו לאָזן פריי,
דעם הונגעריקן זאָלסטו שפּייזן,
די אַלמנה דערקוויקן,
דעם יתום זאָלסטו ניט לאָזן פאַלן.

י ש ר א ל

דער שונא האָט געבראַכט צו מיין טיר
דעם נאָמען ישראל,
דעם נאָמען
וואָס דער שליח פון גאָט
האָט מיר געגעבן
ווען כ׳האָב זיך
מיט אים געראַנגלט
אויף טויט
און אויף לעבן.

איך האָב דעם נאָמען
ישראל
איינגעראַמט אינמיטן
פון מיינע אַנדערע נעמען,
און ס׳איז געשען
אַ וואונדער:
— די נעמען האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט,
און ווי אַ מחנה גיבורים
האָבן זיך באַוויזן די יאָרהונדערטן.
איינער איז געקומען —
אַ בלינדער און שטאָלצער קעניג
וועמען דער שטאָלץ
האָט געבויגן צו דער ערד

און געמאַכט אונטערטעניק;
אין דער אונטערטעניקייט
איז ער געוואַקסן
און זיך דערהויבן,
ביז ער האָט אַנגעקלאַפּט
אין גאָט ברוך הוא׳ס
פענצטערל אויבן.

אַן אַנדערער
איז געווען אַרומגעוויקלט
מיט שטיקער זון,
ווי מיט מעטאַלענעם צודעק
אַ פּאַרצייטיקער קריגער;
ער האָט אין פייער געברענט
ווי אַ שטרויענער שייער,
האָט ער אויסגעשריען
דעם נאָמען ישראל,
און זון איז געוואָרן
פון פייער.

שונא, שונא,
כ׳האָב געהאַט אַן אוצר פאַרלוירן,
שפּאַנענדיק אַריין און אַרויס
פון דיינע טויערן;
האָסטו אינמיטן פון מיין חורבן,
אינמיטן פון מיין קלאָגן,
דעם אוצר געבראַכט

צו מיין שוועל צוטראָגן.
איז ווי זאָל איך דיך באַלוינען?
ניט מיט גאָלד,
וואָס איז פאַרגענגלאַד;

נאָר אינם טאָג פון משפט,
ווען דיין געוויין
וועט גרייכן צו די שטערן,
וועל איך, ישראל,
דיין געוויין דערהערן,
(ווייל ישראל הערט דאָס געוויין
פון ווערימל אין דער ערד
און פון גראָז וואָס ווערט צעטראָטן)
און איך וועל טאָן
ווי גאָט האָט געבאָטן:

— אין דיין חרטה
וועסטו ברייגנען צו מיינע פיס
דיין נישטיק לעבן;
וועל איך דיך אויפהויבן,
דיך לאָזן לייטערן
אין ישראלס ליכט,
און וועל... פאַרגעבן.

גוטמאָרגן, וועלט

עס פייערט
דאָס דערוואַכטע פאָלק
זיין זיג,
מיט ביקס און שווערד.

זיי האָבן אויף מיין שטערן
אויסגעבערענט אַ צייכן,
און מיך געבראַנדמאַרקט
פאַר דער גאַרער ערד.

מיט פאַקלען אין די הענט
טאַנצט די יוגנט זייערע
אַרום מיר
מיט באַנייטן מוט
און זינגט
דאָס ליד פון אונטערגאַנג,
דאָס ליד פון בלוט.

נאַראַנים! —
איר ווייסט ווער
מיינע עלטערן זיינען?
— עקיבא
און הלל

און שמאי
און מתתיהו;

און איך בין
זייער שטאָלצער זון
וואָס קומט דערטראָגן
זייער חלום
ביז צום סוף.

מיין בלוט איז:
— זון און ערד;
מיין וואָרט איז
מיליאָנען־שווערדיק שאַרף;
איך קום
אין בלוט פאַרגיין
און ווידער אין דעם בלוט
געבוירן ווערן.

איך האָב געלאָזן
מיינע שפּורן
איבעראַל,
און וואו איר וואַרפט
אַן אויג,
דאָרט וועט איר
מיך געפינען;
איך בין דער קוואַל
וואָס שלאָגט

פון טיפעניש
מיט יונגן לעבן;
איך האָב דעם גאַרנישט
און דעם אַל
געבראַכט
און אייך געגעבן.

נאָך נאַכט פון פינצטערניש,
ווען דער פרימאָרגן העלט,
באַווייז איך זיך צוריק —
אַ יונגער גיבור;
און שריי
פון איין ברעג
צו דעם צווייטן ברעג
אַריבער:
— גוטמאָרגן, וועלט.

אַ געזאַנג

דער אַלטער איד זעט
ווי עס גייט דער מחבל
אַנגעגורט, באַפּאַנצערט
אין שטאָל
פון קאָפּ ביז די פיס;
— אַנטלויף, אַלטער איד! —
— עט, שוין בייגעוואוינט
דעם מבול,
און אַט,
דאַנקען גאָט,
מ׳לעבט ווי עס איז.

דער מחבל איז טויט־ערנסט,
ער איז דאָ אויף צו פאַרניכטן,
זיין האַנט איז פלינק און געניט,
און זיין פולווער איז פלאַם;
— פאַל, אַלטער איד! —
— ווי אַזוי קען איך?
אַז כ׳האָב נאָך ניט פאַרענדיקט
מיין געשיכטע,
נאָך ניט איינגעוויגט מיינע אייניקלאַך,
איי־טי־די־דאַם־טי־די־דאַם —

דעם מחבלס בלוט וועט ניט איינשטילן
און רו וועט ניט גענענען,
פעלדער וועלן וויסטן,
און האַגלען וועט מיט פייער פון אויבן;
— שטאַרב, אַלטער איד! —
— שוטה, און אַז איך זאָל אַפילו וועלן,
קען איך?
ווער וועט מחדש זיין די לבנה
און גאָט־ברוך־הוא לויבן?

און אַז עס וועט רעגענען,
ווער וועט זאָגן טל־ומטר,
חג האָסיף ווער וועט פייערן
און בורא־פּרי־אַדמה מאַכן?

ס'איז דיר גרינג צו זאָגן:
— שטאַרב, אַלטער איד, און פּטור;
אויף וועמען זאָל איך זיך פאַרלאָזן
מיט אַט־די אַלע זאַכן?

אַז, אַט,
און די קעלטן זיינען פאַרביי,
און דער ווינטער וועט ניט ווערן;
פון גאָטס פאַרוויסטער ערד
וועט אויפגיין אַ גרינער ים;
ווי אַ הון מיט הינדעלאַך, וועט אויפגיין
אַ וואַרימע לבנה מיט שטערן, —
טאָ ווער וועט זיי באַגעגענען
מיט אַ ברוך־הבאָ?
— איי־טי־די־דאַם־טי־די־דאַם —

חיי עולם נטע בתוכנו

אין מיר בליט סוד
פון אייביק לעבן,
איז שטאַרבן
ניט פאַר מיר
קיין טויט;
דאָס וואָס ס׳איז אייך
אין שוואַרץ געגעבן,
פאַר מיר איז אויפגאַנג
זוניק־רויט.

מיין יעדן חוש,
מיין קלענסטע רעגונג
האָב איך באַהעפט
מיט אלהים;
דערפאַר,
אין מינדעסטער באַוועגונג,
פאַרנעם איך און דערהער
זיין שטים.

אין אויפברויז פון
אַ בייזן שטורעם
זיין שטים פאַרנעם איך
קלאָר און דין;

און אין דעם פייער
פון יסורים
גייט אויף
די לייטערונג
פֿון זין.

און אַלע צווייפלען
ווערן גלייביק,
און אַלע שטומקייטן —
געהער;
ער האָט זיך אין מיר
פֿאַרפלאַנצט אויף אייביק,
און ער איז איך
און איך בין ער.

באַלאַדע פון פייער

פון וואַנען זאָל ער דאָס האָבן געוואוסט
אַז פאַראַן פייער, וואָס מען זאָל ניט פאַרלעשן קענען;
ער האָט געשוואוירן זיך און געקלאַפּט אויף דער ברוסט
אַז נאָר אַ שוועבעלע האָט ער געלאָזן ברענען.

גיי, זיי אַ חכם און ווייס
(ער וואָלט זיך ביי זיינע אַלע הייליקע געשוואוירן)
אַז פייער קען ברענען און ניט זיין הייס
ווען עס ברענט אַ ספר־תורה.

אַז אַ ספר־תורה ברענט,
קומען די צדיקים פון זייער רו אַרויס,
און אַלע ליכטיקע נשמות
קומען צעפליען פונדערווייטן,
און זיי בלאָזן מיט זייער אָטעם
דאָס הייסע פונם פייער אויס,
אַז עס זאָל ניט ברענען
און ניט בראָטן,
נאָר לייטערן.

ווארים אַז אַ ספר־תורה ברענט,
שפרינגען אידן אין פייער אַריין,
ווי אינגלאַך אין אַ הייסן טאָג

אין אַ טייך אַ קילן;
טרינקען דאָס פייער,
און די גלידער זייערע
ווי ווייַן,
און זיי טוען אַזוי די דאָרשטיקייט
נאָך גאָט־ברוך־הוא שטילן.

אַז אַ ספר־תורה ברענט,
ברענט זי ניט איינע אַליין:
— עס ברענען די וואָרצלען פון גראָז,
דער קערפער פון שטיין,
עס ברענט דער זאָמען אין דער ערד,
עס ברענט דער ים אין זיינע ברעגן,
עס ברענט דער ווינט,
טאָג און נאַכט ברענען,
עס ברענט דער רעגן.

עס ברענט יעדער אות באַזונדער
פון אַלף ביז תיו,
און, וואָס איז נאָך אַ גרעסער וואונדער,
עס ברענט דער אין־סוף,
די נשמה פון דער וועלט ברענט
(אַ, האַרץ, וואָס פאַרנעמסט די סימנים!)
און פורעמט זיך אויס אין דער קילקייט
פון גאָטס פנים.

ג ע ש י כ ט ע

איך האָב די געשיכטע
געבלעטערט,
פון טויזנטער יאָר
דאָס שטויב,
די מעשה פון
גאָט
און געטער,
דערציילונג
פון מאָרד
און רויב.

און ס'איז געווען:
— ווי פּאָר מיין פּנים
וואָלט זיך אַ מענטש
אָוועקגעשטעלט;
איך האָב דערקענט,
לויט אַלע סימנים,
די נשמה
פון דער וועלט.

ביזט דאָ,
האָב איך זיך
געוואונדערט,

ביזט דאָ,
און איך הער
דיין געזאַנג;
און איך
האָב געמיינט
ביזט אַוודאי
אויפֿן עולם האמת
פֿון לאַנג.

די נשמה
האָט זיך
צעשמייכלט,
ווי גאָט
וואָלט זי ערשט
באַרירט,
און מיך ווייטער,
ווי דורך אַ צייכן,
דורך די בלעטער
געשיכטע
געפֿירט.

איך האָב דערזען
דעם רמז,
ווי אַ פּייערל
דורכן שפּאַלט
פֿון אַ טיר;
און ס'האָט

אַזאַ לויטערער
אמת
אַ ווייע געטאָן
אויף מיר.

פון נעכטן
איצט
און שפּעטער
האָט גערעדט
צו מיר
דער סוד, —
ווי אַ קינד,
האָט פונם שטויב
פון בלעטער
צו מיר
געשמייכלט
אחד.

רבנו, שפּיל אונז אַ ניגון

רבנו, שפּיל אונז אַ ניגון

רבנו, רבנו, ציִ־אָן דאָס פידעלע
און שפּיל אונז אַ ניגון,
פאַר מיר און דער וועלט;
וואָריםביידן אונז
איז ביז צום שטאַרבן טרויעריק,
און ביידע וויסן מיר ניט
וואָס אונז ביידן פעלט.

דער חומר וויל,
און קען זיך ניט זעטיקן,
און דאָס האַרץ צו פאַרלאַנגען
ווייס ניט קיין סוף;
די חכמה, פון שעה
צו שעה ווערט שווערער,
און עס וויל ניט טרייסטן
אַפילו דער שלאָף.

כ׳וואָלט געדאַרפט אפשר איצט
זיך פאַרגיין אין תפילה,
אין קול דממה דקה
באַהאַלטן און שטיל;
אָבער ביטער איז מיר
זיך אַליין צו נאַרן,

ווייל איך ווייס דאָך אַז ס'איז נאָר
אַ סאָלאָ־שפּיל.

מיר לעבן דאָך שוין
אַזוי פיל יאָרן,
און עס הייגגט אונז אַ חלום
אויף דער ברעם;
נאָר אפשר איז לעבן
ניט אַזוי געראָטן,
און מיר דאַרפן עס גאָר רופן
קדוש־השם.

השם — דער נאָמען
דאַרף דאָך מאַכן פריידיק,
איז אפשר טרויער קיין טרויער ניט
שוין פון לאַנג;
נאָר דאָס וואָס איך און די וועלט
לעבן איבער,
איז אפשר דאָס
וואָס מען רופט אַן געזאַנג.

און אַז געזאַנג אַפילו,
בלייבט דאָך אַלץ נאָך איבער:
— וואָס טוט מען,
אַז מיט דעם
איז אויך ניט גוט? —
עס וויל דאָס אויג

זיך מיט גאַרניט זעטיקן,
און עס וויל ניט אויפהערן
טרויערן דאָס בלוט.

אין אַ ניגון, זאָגט מען,
ליגט אַ כּישוף באַהאַלטן,
און וואָס דער שׂכל באַנעמט ניט,
ברייִנגט דער ניגון אַרויס, —
רבנו, רבנו, צי־אָן דאָס פֿידעלע,
און שפּיל פֿאַר אונדז
אָט דעם ניגון אויס,
פֿאַר אונדז ביידן,
פֿאַר מיר און פֿאַר דער וועלט;
וואָרים ביידן אונדז
איז ביז צום שטאַרבן טרויעריק,
און ביידע ווייסן מיר ניט
וואָס אונדז ביידן פֿעלט.

דאָס לעבן זינגט אַפּילו אין טויט

רבי,
ס׳איז טרויעריק אויפֿן האַרץ;
שייך טרויעריק,
ניט מיט ווערטער צו שילדערן;
ניטאָ אַזאַ פֿאַרב
דעם טרויער אויסצובילדערן,
אַז פֿון דעם אַליין זאָל ווערן
לויטערער געזאַנג.

— הער אויף.
הער אויף,
מ׳טאָר ניט אַזוי,
מ׳טאָר ניט;
איך, דער רבי, זאָג,
ס׳האָט זיך ניט געביטן
אויף אַ האָר ניט;

ס׳איז ווי עס באַדאַרף צו זיין,
ווי גאָט־ברוך־הוא
האָט געבאָטן;
ס׳איז אמת
דער מענטש
און ס׳איז אמת
זיין שאָטן.

אַזוי ווי די טבע
איז קיין טבע ניט
אָן שטורעם;
אַזוי איז דאָס לעבן
קיין לעבן ניט
אָן יסורים.

און שטורעם
וואָס איז, האַ?
שטורעם וואָס איז,
ווייסטו?
און יסורים
וואָס זיינען?
יסורים
פאַרשטייסטו?

שטורעם איז געזאַנג
ווען דער טרויער
ביז איבער די ברעגן
טוט גרייכן;

און יסורים איז קדושה
וואָס שלאָגט אָן
אין די העכסטע הייכן.

אַז ניט, וואָלט דאָך, חלילה,
געווען אַ סכנה

אַז מען זאָל זיך
אין גאָט־ברוך־הוא
ניט דערמאָנען;

און וואָס וואָלט דאַן געווען?
און וואָס וואָלט פון אונז געוואָרן?

פאַרטרייב זי, די מחשבה,
טרייב זי אַרויס פון דיין זכרון.

און אַז מען וויל צוריקשמועסן,
איז דאָס אפשר גאָר קיין טרויער ניט,
נאָר לויטערער תוכן
פון העכסטער פרייד
וואָס, ניט קענענדיק געפינען
אין זיך אַליין
דעם באַשייד,
האָט עס אָנגעקלאַפּט
אין העכערע טויערן.

וואו זיינען זיי,
פרעגסטו?
אָט דאָ,
ניט ווייט;
אין דעם ספר־הזכרונות
פון דער היינטיקער צייט:

— דורך אַ וועלדל וואָס האָט
מיט זון שעמערירט,
האָט אַ נאַצי
צוויי אידן געפירט,
אַ טאַטן
און אַ זון;

זיינען די דריי
געגאַנגען;
און איבער די דריי
איז די זון
געהאַנגען;
און אַרום
די דריי
האָבן בלעטער
געגרינט;
און מיט די בלעטער
האָט זיך געשפילט
אַ ווינט.

האָט דער נאַצי
געזאָגט:
— איר צוויי,
הערט זיך איין,
ס׳מוז פוןביידן
היינט שטאַרבן
איינער;

וואַרפט גורל, ווער
דער איינער
זאָל זיין.

איז וואָס מיינסטו,
האָבן זיי געגומען
וויינען
און וועלטן
איינלייגן?
חלילה!

דאָס וואָלט געמיינט
פאַרשאַפן דעם שטן
נחת־רוח;
נאָר פון די אויגן אַרויס,
ווי פון הייליקן בוד,
האָט אַרויסגעלויכטן
אַ ליכטיקע תפילה;

און די ליפּן
בייביידן
זיינען געבליבן
שטום;
און ביידע
האָבן זיך געטאָן
אַ נעם אַרום, —

ניט נאָר די פייגל
און די זון אינדערמיט
און די פליגעלאַך
וואָס זיינען אַרומגעשפּרונגען;
נאָר די בלעטער,
דאָס גראָז,
און אַלץ וואָס האָט
קיין לשון ניט,
האָט זיך הויך
אויפן קול
צעזונגען.

איז וואָס זאָגסטו?
טרויעריק?
גיי שוין, גיי! —

לאָמיר צוזאַמען
מיט די בלעטער
און מיטן ווינט,
מיט די פייגל
מיט די פליגעלאַך
און מיט די גראָזן, —
נו,
גיכער,
געשווינט,
העכער,
נאָך העכער,

לעבעדיקער,
אַט אַזוי:

— ממעמקים,
פון דער טיפעניש,
האָב איך גערופן:
— יה;

ענני במרחב,
און ער האָט געענטפערט:
— יאָ! — — — —

אַ קרוין פון די שענסטע יסורים

רבי,
אין מוח טונקלט
ווי אין אַ נאַכט אַז שטערן;
דאָס האַרץ איז אַרויסצושפּרינגען גרייט,
און די אויערן הערן
און פאַרנעמען
געוויין און געשריי,
געיאָמער און קלאָגן;
און ווער בין איך,
אַ פּינטעלע אינם כּדור,
אַז איך זאָל דאָס אַלץ
קאָנען פאַרטראָגן?

— אַ פּינטעלע, זאָגסטו?
יאָ, אַ פּינטעלע, ניט מער;
אָבער פון פלייש און פון בלוט,
פון געפיל און געהער,
פון געוויין און געזאַנג,
און אַז דו ווילסט —
נאָך בעסער:
— דאָס פּינטעלע הייסט מענטש
און איז פונם כּדור גרעסער.

און אַז דאָס פּינטעלע
טראָגט אַ נאָמען,
איז עס דאָך גאָר די וועלט;
און אויב עס האָט זיך
אין סאַמע מיטן
פונם כדור אָוועקגעשטעלט
און סע זינגט שמע ישראל
אין דער וועלט אַרייַן,
מוז דאָך אין דעם זינגען
עפּעס זייַן.

איך רוף עס טאַקע געזאַנג,
אָבער ס'איז דאָך אויך געוויין;
און די ביידע זייַנען דאָך
דאָס לעבן אַליין.

איז ניט פאַר מיר
און ניט פאַר דיר
אַט דאָס צו דערקלערן;
אָבער אַ האַרץ
אַז מען האָט,
קען מען דאָך
קלאָר דערהערן
ווי סע ריזלט
דין־דין
און הערט ניט אויף,
אַזש ביז צו דעם כסא
הכבוד אַרויף.

נויג צו דאָס האַרץ
נענטער און הער:
— ווער ביזטו,
פרעגסטו טרויעריק,
ווער ביזטו, ווער,
אַז דו זאָלסט
דאָס געיאָמער
אין דיין בלוט פאַרטראָגן?

ביזט דער רב
וועמען מ׳האָט
האַלב לעבעדיק
האַלב טויט,
אין טלית־און־תפילין
אין דער ערד פאַרזייט.

מ׳האָט נאָר אַ וואָרט געהערט:
— חדווה — פרייד —
און נאָך אַ וואָרט
האָט מען אויפגעכאַפּט:
— זוכה! —
און אַט דאָס איז אפשר
דער גאַנצער תוכן
פון טרויעריקן לעבן
פון אָנהויב אָן,
וואָס שלאָגט
ווי אַ קוואַל אויף

אינם:
— לאָן? —

וואָרים,
אַ קערנדל אַז מען פאַרזייט,
גייט אויף אַ זאַנג;
אָבער אַז מען פאַרזייט
אַ מענטשן,
גייט אויף געזאַנג;
און געזאַנג
שלאָגט אָן
אין די אָרימסטע
שטיבער,
און פירט
איבער אַלע נסיונות
אַריבער,
און באַהעפט זיך
מיטן בורא־עולמס
ניגון;

און דעם בורא־עולמס ניגון
אַז מען דערהערט,
ווערט אַ יונגע
כלה די ערד,
אַז די פשוטסטע אַפילו
טאַנצן איר אַנטקעגן,
ווי בגילופנדיקע אידן
פון דער תורהס וועגן:

— איך קום צו דיר,
שוועסטער מיינע, כלה,
אַז אויסגעלייטערטער
פון שטורעם;
אַ מתנה ברייננ איך,
די טייערסטע פון אַלע,
אַ קרוין
פון די שענסטע יסורים.

איז דאָך שוין ניט שייך טונקל;
וואָרים אַז מען קען זיך גרייטן
מיט חדווה צום טויט,
איז עס דאָך שוין מער
קיין טויט ניט;
ווערט דאָך שוין במילא
די טונקלקייט קלאָרער,
און די פּגע־רע
ווערט דאָך שוין מער
ווי פּגע, —
זאָג איך:
כאַפּ זי אויף
און באַהאַלט זי,
די רגע;
(וואָרים פון אַ רגע אַזאַ
ווערט אַ וועלט געבוירן)
אַזוי, אַז דער ניגון
זאָל חלילה פאַרלוירן גיין

ערגעץ אין טאָל,
וועלן מיר אים
ביידע באַנייען
מיט שמע ישראל.

דער פּחד זינגט

רבי,
פון אַ מענטשנס אויגן
לויכט די נשמה אַרויס,
ווי אַ פּייערל פון
אַ ביינאַכטיקן הויז;
און אַ פּייערל פּאָר
אַ פּאַרלוירענעם אין גאַנג,
איז דאָך ליכטיקער אַנזאָג
אויף געזאַנג;
אָבער דאָס האַרץ
וואָס איז שוין באַלד
געגליכן צו שטיין,
פּאַרנעמט שווערן טרויער
און פּאַרשטיקטן געוויין.

— אַוודאי טרויער
און אַוודאי געוויין, —
עס דאַרפן דאָך רעגן
אויך גראָז און שטיין,
וואָרים זיי ווערן צעטריקנט
פון זון אַליין.

— אַז עס לאָזט זיך אַרונטער
אַ רעגן־שטורעם,

בויגן זיך די גראָזן
צו דער ערד פון יסורים
און עס דאַכט זיך
אַז אָט,
אַ מינוט
צום טויט;

אָבער די טבע
פון שטורעמס
איז צו קומען
און גיין;
און אַז עס קומט
די רגע
און דער שטורעם
פאַרגייט,
און די זון
שלאָגט זיך דורך
דורך די צווייגן,
איז וואויל צו
דעם האַרץ
וואָס פאַרנעמט דאָן
די רייד
וואָס גייען אויף
אין אַ תפילהדיק
שווייגן:
— ווי דער קלאַנג
פון דעם שם

פֿאַר אַ גלויביקן
אויער,
די געלייטערטע
פֿרייד
צווישן טראָפּנדלאַך
טרויער.

און מה־דאָך אַז גראָז
און אַפֿילו שטיין
כדי געלייטערט צו ווערן
דאַרפֿן טרויער און געוויין,
אַ פּשיטא דער מענטש
וואָס גוף איז זיין גאווה,
זיין געזאַנג איז תשוקה,
און זיין פֿרייד איז תאווה;

און אַז דער מענטש איז צעטיילט
צווישן גוף און נשמה,
איז ווי ער וואָלט געפֿירט מיט זיך
אַליין מלחמה;

וואָס־זשע מיינט דאָס אַלץ
און וואָס דאַרף מען פֿון דעם דרינגען?
אַז דער גוף דאַרף זיך לערנען
ביי דער נשמה זינגען;
וואָרים גוף אַליין
איז דאָך אויך נשמה.

פרעגט זיך אַ קשיה:
— ווי אַזוי איז דאָס באַשערט?
אַז איינס ציט צום הימל
און דאָס צווייטע צו דער ערד;

איז דאָס אַוודאי ניט תופס צו זיין
מיטן בלויזן געהירן;
נאָר דאָס האַרץ אַליין
קען אַהינצו דערפירן;
וואָרים, דאָס האַרץ,
ווען ס'איז נאָר ריכטיק
אַנגעשטעלט,
פירט, ווי אַ טייכל צום ים,
צום געזאַנג פון דער וועלט.

דאָס געבוירן ווערן פון אַ קינד,
פון אַ קראַנקן דער שמייכל,
דאָס בלאָזן פון ווינט
און דאָס שפילן פון שכל,
די תפילה פון איינעם
וואָס איז אויף זינד זיך מתוודה,
און אַן איש מיט אַן אישה
געזאַנג איז אַוודאי;

אָבער נעמען זיך גאָט
ברוך הוא פאַר אַ שמירה,
און זינגען דעם שטן

אין פנים:
— לא אירא, —
בשעת עס נעמט דיך דער פחד
אַרום ווי מיט צוואַנגען, —
אַט דאָס נאָר אַליין
איז געזאַנג פון געזאַנגען.

אַז עס איז זוכה
צו אַזאַ שירה
דער תּלמיד־חכם
אָדער דער מנהיג־הדור,
איז פאַר אונז ביידן
אַוודאי קיין וואונדער ניט,
דאָס איז פאַר אונז ביידן
אַוודאי קלאָר;

אָבער אַז עס טרעפט
מיט אַ פּשוטן איד
(וואָס זיין גוף איז פון עול
פון שווערן מיד)
אין ערגעץ
אַ פאַרוואָרפענער העק,
וואָס לאָזט זיך מיט
אַזאַ גלייכן וועג
צום געזאַנג פון דער וועלט
דורך אַ ים מיט שרעק,
פון שטנס פייערדיקער

בייטש געטריבן
(ווי עס ווערט אַט ערשט
אין פּנקס פֿאַרשריבן)
און איידער ער גיט
זיין נשמה אַוועק
בליט אויף אויף זיינע ליפּן
אַ שמייכל, —
דאָס איז די רגע ווען דאָס האַרץ
באַגעגנט זיך מיטן שכל;
ווען שטילקייט באַגעגנט זיך
מיט שטורעם.

אַז עס זינגט אַ איד,
זינגען אַלע אידן מיט;
קומט דאָך שוין אויס,
אַז מיר שטייען אינדערמיט
פֿון דער וועלט,
כדי צו לערנען
מיט איר נגינה;
האָט עס דאָך שוין
צו טאָן מיט שכינה,
צי אין פֿריידן,
צי, חלילה, אין יסורים;
זיינען מיר דאָך תוכן
און אַרום אונז דער פֿורעם;
אַדער אין אַנדערע ווערטער
אויסגעשטעלט:

— דאָס פּייערל
אין די אויגן פון דער וועלט.

און אויב אַזוי,
איז דאָך קלאָר
און לויטער דער מיין;
בלייבט דאָך איבער,
אין שמחה,
צי, חלילה, אין געוויין,
ווי עס טוען בעת אַ שטורעם
די שפּראָצן:
— ווי די זון טוט זיך ניט אָפּ,
כאָטש זי ווערט
אויף אַ ווייל פאַרשטעלט,
אַזוי זאָל זיך ניט אָפּטאָן
פון אונז דיין רצון.

אונזער ליכטיקער גורל

אין פּאַריז, אין יאָר פון דער גאולה, תש"ג, האָט די אונטערערד אַרויסגעהאָנגען דעם פּלאַג פון רעוואָלט קעגן דעם נאַצי־באַרבאַר. האָט דער שונא דערפאַר געכאַפּט אומשולדיקע מענטשן ווי משכנות, און זיי אַז רחמנות געפירט צום טויט. געווען צווישן זיי אַ אידישער יונגערמאַן, וואָס האָט ערשט געמאַכט דעם ערשטן שפּאַן אין לעבן אַריין, און שוין געדאַרפט אַזוי יונג און אומשולדיק שטאַרבן. אין זיין לעצטן בריוו צו טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, האָט ער געטרייסט זיי און זיך, אַז מסתמא איז אַזוי באַשערט פון רבונו־של־עולם, וויילע ער שטאַרבט דאָך פאַר אַ גוטער זאַך. ער האָט געמונטערט זיינע אייגענע און ליבע זיך צו האַלטן שטאַרק, געבעטן דערציען זיינע אינגערע שוועסטער און ברידער אין ליכט פון אייביקן אידישן בטחון, אַז זיי זאָלן זיין גרייט צו יעדער צייט אוועקצוגעבן דאָס לעבן פאַרן לעבן, ווען נאָר דאָס לעבן וועט עס פון זיי פאָדערן, ווי ער טוט עס איצט. ער האָט נאָר אין אַ דינעם, ליכטיקן, דורכזיכטיקן טרויער באַדויערט, וואָס ער איז אינגאַנצן אַלט צוויי־און־צוואַנציק יאָר, האָט נאָך ניט קיין צייט געהאַט זיך צו באַהעפטן מיט אַ ליכטיקער פרוי, און וועט ניט איבערלאָזן נאָך זיך קיין דור, וואָס זאָל אים אַרבן. אין די לעצטע ווערטער פון זיין בריוו דריקט ער אויס דעם בטחון, אַז אַרבן וועלן אים זיינע טאַטע־מאַמע, זיינע אינ־

גערע שוועסטער און ברידער, די קינדער פון פאָלק ישראל, וואָס וועלן ווייטער פאָרזעצן דעם קידוש־השמיקן קאַמף פאַרן לעבן, ווי זיי האָבן עס געטאָן אין זייער גאַנצער מאַרטירער־געשיכטע, און דורך דעם וועט פאַרגעזעצט ווערן זייַן יונגער לעבן אויף דער ערד... ביי אָט די ווערטער האָט זיך געעפנט די טיר פון תפיסה און מען איז אים געקומען נעמען צו דער תליה, כדי אויסצולעשן זייַן יונגן לעבן פאַרן טויט פון אַ נאַצישן אָפיצער.

— פון פנקס, וואו עס ווערט איצט פאַרשריבן
מיט בלוט אויפן פנים פון לעבן.

רבי,
איך יעט מיינע טעג
ווי אַ גערטנער די בייטן;
אין די נעכט באַקרוין איך זיי
מיט אַזוי פיל טויטן;
דער מוח טונקלט
פון צופיל ליכט,
דער טרויער ווערט געדיכטער
פון שעה צו שעה;
אַ רגע,
וואָס זאָל אַ בליץ טאָן
אויף דער וואָר
אָדער אין חלום
איז ניטאָ.

— ווער ביזטו דאָס אַזוינס,
אַ צדיק צי אַ לאַמעד־וואָוו?

זוכסט אַ רגע אמת
מיט וועלכן צו קומען
ווי אַ פּאַסטאַך
צו זיינע שאָף;

און לאָמיר זאָגן,
אַז דו געפינסט,
וועסטו פּאַכען מיט איר
ווי מיט אַ פּאָן;
פון אַלע רגעס
אין דיין שלאָף
און אין דיין וואַכזיין
וועט זי פאַרנעמען
דעם אויבנאָן;

און אַלע רגעס
זיינען דאָך גלייך;
צי הערסטו ניט
דעמזעלביקן דופק
שלאָגן?
אַז אַ רגע זינגט,
ביזטו זיכער אַז ס׳איז געזאַנג?
אַז זי קלאָגט,
ביזטו זיכער אַז ס׳איז קלאָגן?

בייטן אַז מען יעט,
וועלן זיי פלאַנצן געבן;

און טעג אַז מען יעט,
ווערט געלייטערט דאָס לעבן
וואָס רייסט זיך דורך זיי,
ווי דורך פעלזן אַ טייך,
און שפּיגלט זיך
אַנטקעגן זון און שטערן,
וואָס, אַז מען וויל,
קען מען עס אָנרופן טרערן,
וואָס גאָט־ברוך־הוא
גיסט אין דעם אַריין,
כדי עס זאָל
וואָס לויטערער זיין.

אַז איך רעד אַזוי,
וועסטו דאָך מסתמא פרעגן
וואָס איז דאָס אַזוינס
און וואוהין זיינע וועגן?
איז וואָס זאָל איך ענטפערן
און וואָס זאָל איך זאָגן?

אַז עס קומט אַ צייט
און אַ שעה טוט שלאָגן,
און אַ מענטש, וואָס כאָטש
מען האָט אים גענייט,
דערקענט אים און זאָגט צו אים:
— ברודער טויט! —

איז ווי ער וואָלט געעפנט
אַ פאַרבאַרגענע טיר,

וואָס אַז מען קוקט
מיטן האַרץ דורך איר,
ווערט קלאָר, ווי דער מיין
פון אַ הייליקן אות, —
כאַטש ניט צו דערקלערן איז
וואָס איז דאָס.

וואָרים דאַרף מען מער,
כדי צו וויסן איינס:
— אַז עפּעס אין אונז
איז פאַראַן אַזוינס,
וואָס ווילסט, איז עס פרייד,
און ווילסט, איז עס פּיין;
אַט פונקט ווי ווען מען קוקט
אין דער זון אַריין: —

— די ווענט פון דער תפיסה
זיינען גרוי;
ווער וויינט עס,
ווער זינגט עס
דאָרט אַזוי?

אַ יונגער מענטש,
אַ יונגער איד,
וואָס וואַרט,
מען זאָל אים קומען נעמען;
איז וואָס האָט זיך דאָ

אַזוי צעבליט,
און ער,
וואָס טוט ער דאָ אינדערמיט,
וואוהין נעמט מען אים,
און פֿאַר ווען?

וואָס הייסט, וואָס הייסט;
אַט הער, אַט הער:
(ווער שרייבט עס,
דו, צי איך, צי ער?)

— פֿאַר זיך אַליין,
פֿאַר אייך,
פֿאַר לעבן,
נעמט גאָט צוריק
וואָס ער האָט געגעבן;

דאָס בלוט און די גלידער
קלאָגן נאָר:
— ניט איבערגעלאָזט
נאָך זיך קיין דור.

דאָס לעצטע וואָרט,
דער לעצטער אות;
דער שליסל דרייט זיך שוין
אין דער טיר;

נאָר זע,
וואָס געשעט,

וואָס מיינט עס, וואָס?
ווער האָט עס דערשריבן
אויפֿן פּאַפּיר?

— דו גייסט אַוועק
אין ווייטן אַהין,
און מיר בלייבן דאָ
לעת־עתה;
נאָר ווייס,
מיר אַלע
זיינען דיינע זין,
און דו ביזט
אונזער יונגער טאַטע.

אַט דאָס אַז מען פֿאַרנעמט,
איז דאָך שוין ניט שייך דערקלערן;
ווארים, כאָטש מען הערט קיין לשון ניט,
קען מען מיטן האַרץ אָבער הערן
די קול־דממה־דקה׳דיקע רייד
פֿון אַ רגע געוויין
און אַ רגע געפֿרייד,
וואָס, ווען זייביידע באַגעגענען זיך,
ווערט געבוירן דערפֿון
אונזער ליכטיקער גורל
אונטער דער זון.

אַ זון און אַ מאַמע

אין אַ רוסישן דאָרף האָבן נאַצישע סאָלדאַטן געפאַנגען אַ קליינע גרופּע פּאַרטיזאַנער. צווישן די פּאַרטיזאַנער האָט זיך געפונען אַ זעכצן־יאָריק אינגל. די נאַציסטע באַרבאַרן האָבן פון אינגל געוואָלט דערגיין, וואו די איבעריקע פּאַרטיזאַנער געפינען זיך. זיי האָבן דעם אינגל אָנגעבאָטן באַלוינונג, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. זיי האָבן אים געמאַטערט, אָבער ער איז געבליבן שטום. זיי האָבן אים געדראָט מיט פּאַרמאַטערן צום טויט זיין מאַמען, זיין יונגן ברודערל, אָבער זיינע ליפּן זיינען גע־בליבן פאַרשלאָסן. זיי האָבן געשיקט נאָך זיין מאַמען און מיט איר איינגעטענהט צו ווירקן אויף איר זון. די מאַמע האָט געענטפערט מיט פאַראַכטונג אין וואָרט און אין בליק. פאַר איר אין די אויגן האָבן זיי דעם אינגל אָנ־געטאָן די שווערסטע עינויים, מיטן געמיינעם מיין, אַז אַ מאַמעס האַרץ, ניט קענענדיק צוזען די יסורים פון איר אייגענעם זון, וועט אים עצהנען צו פאַרמסרן זיינע חברים. די אויגן פון מאַמע און זון האָבן זיך באַגעגנט, און דאָס אינגל האָט געלייענט: „זיי שטאַרק, מיין זון, זיי מוטיק, מיין זון, זיי אַ העלד, ווי דיין טאַטע, דיינע זיידעס. נעם מיט דעם סוד מיט זיך צו גאָט־ברוך־הוא. ער וועט דיך באַלוינען פאַר אַלע יסורים". און די מאַמע האָט גע־לייענט: „איך בין שטאַרק, מאַמע. איך ווייס וואָס איך טו און וואוהין איך גיי, מאַמע. איך שטאַרב ניט, מאַמע.

איך ווער ערשט געבוירן, מאַמע. דער טויט מיטן לעבן צוזאַמען זינגען אין מיר איין ליכטיק געזאַנג, מאַמע. האָב ניט קיין יסורים, מאַמע. מיינע יסורים זיינען קיין יסורים ניט, מאַמע, נאָר הייליק געזאַנג". דעם אינגלס ליפּן זיינען געבליבן פאַרשלאָסן. ער האָט אפילו קיין איין געשריי ניט אַרויסגעלאָזט, און אַזוי האָבן די נאַצישע באַרבאַרן אים פאַרמוטשעט צום טויט.

— פון פנקס, וואו עס ווערט איצט פאַרשריבן
מיט בלוט אויפן פנים פון לעבן.

רבי,
די שפּרוכן האָבן זיך צעמישט
און ווילן זיך מער ניט בינדן;
די פייערלאַך אין מוח טונקלען
און ווילן זיך מער ניט צינדן;
די פיס ביי דעם ראַנד
פון אפּגרונט טרעטן,
דאָס אויג זעט געפאַר
און געפינט ניט קיין רעטונג.

— ביי דעם ראַנד פון אפּגרונט;
האָסטו באַטראַכט זיינע טיפן?
דאָס אויג זעט געפאַר;
האָט עס דיין מוח באַגריפן?
אַוודאי ניט.
ווארים דאָס נאַקעטע אויג
אַליין איז ניט קלוג.

און קען דאָס באַהאַלטענע
ליכט ניט דערשפּירן;
אָבער דו טו עס נאָר
מיטן האַרץ באַרירן,
וועט דיר זאָגן דאָס האַרץ
אַז ס׳איז פֿאַראַן גענוג
צו טרינקען פֿון לעבן,
ווי ווײַן פֿון אַ קרוג.

און ניט נאָר ביים ראַנד,
נאָר אויפֿן סאַמע דנאָ,
(אויב עס זאָל זיך אַזוי מאַכן
און ס׳זאָל שלאָגן די שעה)
וועסטו הערן אַ ניגון:
— לא אירא רע!
אַז דו אַליין וועסט
ניט וויסן פֿון וואַנען,
צי דאָרט פֿון אויבן,
צי דאָ פֿון דאַנען.

וואָרים ווייסטו וואו די הויך איז
און וואו די נידער?
פֿון דער סאַמע טיפֿעניש,
טאַקע ממעמקים,
קען דאָך אַ שיין טאָן ווידער
פֿלוצלינג אַזוי
און אומגעריכט,

ווי אין אַ פינצטערן וואַלד
אַ פאַרבאָרגן ליכט,
וואָס, נעם און פאַל
אויפן פּנים:
— עלינו לשבח;
ווי אימיצער וואַלט
אין דיין טונקעלן מוח
אַריינגעזונגען אַ נאָך־ניט
געאַנטע פרייד,
וואָס אַזוינס מוז נאָר פילן
אַ צדיק, בשעת ער גייט
פאַר דיר און פאַר מיר
און פאַרן רבונו־דעלמא
צום טויט.

און וואָס מיינסטו איז דאָס?
אַ שטראַל פון בורא,
וואָס אַז מען טרעט נאָר אַריבער
אויף יענער זייט מורא
און מען דערפילט די באַהעפטונג
פון פרייד מיט געוויין,
צעניגונט זיך דאַן
די יצירה אַליין,
וואָס, שטעל אַן דאָס האַרץ,
ווערסטו עס אויך דערהערן,
און נאָכגיין נאָך אים
פון דער טיף צו די שטערן.

געזונגען אים האָבן
אַ זון און אַ מאַמע;
ווערסטו זיך דאָך וואונדערן
מסתמא,
ווי קען אַ מאַמע
אַליין זיין גרייט
זינגען דעם זון
אַ ניגון פון טויט.
איז טאַקע דער טויט
פאַר איר אויג
ניט געשטאַנען,
ווייל ס׳איז גאַר אַזוינס
אין איר תוך ניט פאַראַנען;
(זי האָט אויפן לעבן
איר ברכה געגעבן.)

דאָס אויג פון געפאַר
האָט איר אויג ניט געמיטן,
נאָר נאָך אַזאַ ברכה
האָט טויט ניט קיין שליטה.

און אָט ווי עס צייכנט
די האַנט אינם ספר:
— אַ מענטש איז ניט מער נאָר
ווי עפר ואפר;
נאָר עפר ואפר
וואָס איז?

נו, דערקלער;
מ׳קען ניט?
אַוודאי.
איז וואָס־זשע בלייבט?
הער:

— בראשית.
געוועזן
איז אַנהויב טאָג.
באַגינען־ליכט נעבל,
וואָס ברייִנגסטו? זאָג!
— אַ זון און אַ וואָלקן,
טוי אויף צו בליען,
און נאָך עפּעס
ברייִנג איך:
— אַ מענטש
און אַ תּליה.
— אַ מענטש
און אַ תּליה?
וואָס קען זייִן דערפון?
אָט זע:
— ווי עס גייט אויף
אַ מענטש
און די זון.

אַ ווינט לויפט
דורך גראָזן

און וועקט זיי
אויף וואונדער;
די וואַסערלאַד
יאָגן
אינאיינעם,
באַזונדער;
די פליגעלאַד
זינגען,
אויפן קול שפּראָצן
זאַמען;
באַקאַנט דאַכט זיך, —
יאָ,
ס'איז דער קלאַנג
פון זיין נאָמען,
און יעדער באַזונדער,
און אַלע צוזאַמען,
געלייטערט,
מיט קול זיינעם
תפילהנען:
— מאַמע! —
און אַט ווי
זיי האָבן
זיך ביידע
געזעגנט;
און אַט ווי
זיי האָבן
זיך ביידע
באַגעגנט...

דאָס געזאַנג ביי די טויערן

רבי,
כ׳האָב געמיינט ס׳איז טרויער
וואָס פייניקט דאָס האַרץ,
ניין, רבי, ס׳איז מער;
וואָס איז דאָס, רבי,
וואָס צעגיסט זיך
אין אַלע רמ״ח אברים,
פון וואַנען קומט עס אַהער?

— פון וואַנען?
פון אייגענעם האַרץ אַרויס
קוואַלט עס,
פון לויפיקן בלוט,
פון די אומרואיקע גלידער,
פון לעבן וואָס שמייכלט
אַזאַ פיינלאַכן שמייכל
אין קלעם פון יסורים,
פונם טויט פון פרעמדע
און אייגענע ברידער.

כ׳האָב דערמאָנט טויט;
איז פאַראַן עפּעס
וואָס איז טרויעריקער

ווי דאָס?
ווי פון אַ וואַלקן וואַסער
טריפט טרויער
באַזונדער פון יעדן אות;
אָבער די אותיות צוזאַמען
זיינען דאָך וואָרט,
און וואָרט איז דאָך באַשאַף,
און באַשאַף איז דאָך לעבן,
און לעבן איז זון,
און זון איז דאָך פרייד, —
טאָ ווי קאָן אַזוינס געבן?

איז, ווי זאָגסטו, ניט טרויער,
נאָר עפּעס מער:
סע לויכט אינם האַרץ
און סע שפּיגלט אין טרער;
וואָרים ניטאָ אַזאַ זאַך
ווי טרויער אַליין,
פּונקט ווי אַן געלעכטער
איז ניטאָ קיין געוויין.

אַ גוף איז עפר,
דאָס ווייסן מיר דאָך;
און אַז עפר פאַרגענגלאַך איז,
ווייסטו דאָך אויך,
(ווי טוי אין דער זון,
ווי ווינט און ווי רויך.)

איז פֿאַרוואָס די יסורים
פֿון גוף, און די פּיין?
כּדי צו דערוויסן זיך
עפּעס נאָך:
אַז קענסטו עס נאָר
מנצח זיין,
גייט חסד און רחמים
אויף דערפֿון,
אַזוי ווי בראשיתדיקע שיין,
און בלייבט אַזוי וואַרימען שוין,
ווי די זון,
ביז אין דעם לעצטן
טאָג אַריין.

האָסטו אַ טראַכט געטאָן אַמאָל:
וואָס אַזוינס איז גוף?
אַז מען דערמאָנט עס נאָר,
גייט פֿאַר די אויגן אויף
דאָס פּינטעלע מענטש,
וואָס איז פֿון אפר געפֿורעמט,
מיט פֿאַרלאַנג און געזאַנג,
מיט געוויין און יסורים;
אָבער דאָס איז דאָך נאָר
אַ קליינער חלק
פֿון דעם וואָס מיר מיינען
ווען מיר זאָגן:
— קדוש — הייליק.

וואַרים פאַרלאַנג און געזאַנג
האָבן אויך גראָז און ערד,
און וואָס מיינסטו פילט עס,
ווען עס ווערט
אַ רחמנות געטראָטן
און פאַרלענדט, —
אָדער אַ פעלד מיט צייטיקער
תבואה, וואָס ברענט;
צי אַ בוים, וואָס מען מאַכט
פון אים אַ תליה? —
ווי אַ מענטש, וואָס מען האַקט
אים אונטער זיין קיום;
ווי אַ מענטש, וואָס ווערט
אין זיינע בעסטע יאָר
פאַרשניטן, און לאָזט ניט איבער
נאָך זיך קיין דור.

דער וואָס האָט רוח אַריינגעבלאָזן,
האָט עס קיין לשון ניט געגעבן;
ווייסטו וואָס עס מיינט
ווען מען פייניקט לעבן
און עס מוז אַזוי
בשעת־מעשה שטומען
ווי איינער, וואָס דער צונג
איז אים באַהאַפטן צום גומען?!

אַז מען שניידט די צונג,
טוט דאָך דעם גאַנצן קערפּער וויי;

און אַז סע שרייט בשעת־מעשה,
איז עס דאָך דאָס געשריי
באַזונדער פון יעדן איינציקן גליד, —
און אַז מען פירט צו קבורה
אַ לעבעדיקן איד,
איז דאָן דאָס געשריי זיינס
און זיין געוויין
ניט פאַר זיין אייגן
לעבן אַליין,
נאָר פאַרן מינדסטן ווערימל
וואָס אָטעמט און לעבט,
פאַרן מינדסטן זעמדעלע
וואָס איז אַריינגעוועבט
ווי ער, דער קדוש,
ווי איך און ווי דו,
אין געוועב פון גוף
וואָס איז גאָט־ברוך־הוא.

און אַז עס טרעפט,
ווי אָפט בעת אַ שטורעם,
אַז אין זיין גאַנג
אויפן וועג פון יסורים,
און איידער ער
באַטרעט נאָך די שוועל,
גייט אויף אין אים
ווי מארגנזון העל
אַ רו, פון יעדן

אבער אין גוף,
וואָס שלאָגט ווי פון ערגעץ
אַ קוואַל אַרויף:
— אַז ס'איז אַזוי באַשערט,
איז עס דאָך באַשערט פון דיר;
אַז איך שטאַרב, שטאַרב איך דאָך
אַריין אין דיר;
און דו ביזט דאָך אינאיינעם
המות והחיים,
ווייס איך, אַז ווי דו טוסט
מיטן מינדסטן גרעזל,
אַזוי וועסטו מיך אויך באַנייען.

איז וואָס איז דאָס: טרויער,
שטאַרבט עס, צי לעבט;
צי די דריי אינאיינעם
אַריינגעוועבט;
אָדער אפשר גאָר
זאָל מען עס רופן גליק
וואָס עפּעס אַ האַנט האָט
אַזוי ווי אַ בריק
אַריבערן לעבן
אַוועקגעשטעלט,
צו פירן אין עפּעס
אַ ליכטיקער וועלט.

וואָרים דו און איך
ווייסן דאָך בעסער,

אַז לעבן איז מער,
טיפער און גרעסער
ווי די טרויעריקע
עטלאַכע צענדליק יאָר
וואָס דאָס אָרימע לשון
האָט באַצייכנט: וואָר.

אָבער גיי ווייס,
אַז ס׳איז פון האַרבער האַרב,
און דאָס וואָרט איז נאָך ניטאָ
און ניטאָ נאָך די פאַרב
פאַרן געזאַנג,
וואָס שטייט ביי די טויערן
און וואַרט
אויף צו ווערן
געבוירן.

געזאַנג פון טויט

געזאַנג פון טויט
(דראַמאַטיש בילד)

געשטאַלטן: משה, קול, יהושע, פאָלק

(אַ באַרג. אויפן באַרג שטייט משה איינער אַליין. באַגינען. מיט די צען געבאָט האָט משה אָוועקגעגעבן זיין יוגנט דעם פאָלק, און איז אַליין אַלט געוואָרן. ער פילט, אַז טויט איז נאָענט. ער, וואָס האָט געלערנט דאָס פאָלק אייביק לעבן, אייביקע באַנייאונג, דערשרעקט זיך אין אָנגעזיכט פון טויט. ער וויל לעבן. ער וויל זען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד. ער וויל דאָס פאָלק אַליין אַהין אַריינפירן. פון די בערג הויבט זיך אַ דינער נעבל, ווי אַ שלייער. פייגל־געזאַנג.)

משה:

ערשט נעכטן בין איך יונג געווען,
ערשט נעכטן
געפילט דעם כוח פון דער ערד
אין מיינע גלידער,
ווען איך האָב מיט איין זעץ
דעם געץ דעם גאָלדענעם צעשמעטערט;
ערשט נעכטן האָב איך זיך געקענט
פאַרמעסטן מיטן פאָלק,
און איצט,

וואָלט איך אַ צווייג אַ דינעם
ניט צעבראָכן;
עס ווילן מיינע הענט און פיס
מיר מער ניט דינען,
און וועגן שווער אַראָפּ,
ווי שטיקער ערד.
אַ, אויב ס'איז עמיץ דאָ
פון אונטן,
צי פון אויבן,
אין אַט דער שעה,
וואָס זעט מיך איצט
און הערט,
זאָל ער דערקלערן
וואָס געשעט
מיט מיר!...

קול:

דו שטאַרבסט!...

משה:

וואָס מיינט שטאַרבן?

קול:

דו מוזט פאַר זיך אַליין
דאָס אויסגעפינען.

משה:

איך האָב מורא!...

קול:

דו, וואָס האָסט דעם טויט
געקוקט אין פּנים
בשעת דו ביזט אין פּרעהס
אַנגעזיכט געשטאַנען
צוזאַמען מיט דיין ברודער אַהרן,
דו האָסט מורא?!...

משה:

כ׳בין יונג געוועזן דאַן און ניט אַליין,
גאָטס וואָרט, גאָטס ליכטיקייט
האָט מיר געגעבן מוט;
און איצטער הער איך
אין מיינע גלידער אַ געוויין,
און כ׳פיל אַ קעלט, אַ פּראַסטיקע,
צעגייט אין בלוט.
אָ, זון, באַוויַיז זיך,
און מיין בלוט דערוואַרים!

קול:

אָ, משה, משה,
דיין גאַנצן לעבן
האָסטו וואַרימקייט געשפּרייט,
מער וואַרימקייט, ווי ס׳האָט די זון,
אין וואָרט געפּאַנגען;
און איצטער, ווען דו שטייסט
אין אַנגעזיכט פון טויט,

ביזטו אַליין צו געצנדינסט דערגאַנגען.
האָסט וואַרימקייט און ליבשאַפט געלאָזט ווערן
פון פּיין, פון צער, פון הונגער און פון נויט;
איצט ווילסטו נעמען און אַליין צעשטערן
דאָס, וואָס דו האָסט אַ לעבנלאַנג געבויט.
מאַנסט וואַרימקייט ביי זון,
פון וועמען דו ביזט גרעסער! —
וואָס וואָלט דאָס פאָלק געזאָגט,
ווען עס זאָל דיך איצטער הערן?!

משה:

דעם פאָלק האָב איך געגעבן צען געבאָט,
פאַרפלאַנצט אין אים
די ליכטיקייט פון גאָט;
ער וועט מיט אָט די ווערטער,
וואָס איז גלויבן,
צו ליכטיקייט צו זיינער
זיך דערהויבן.
נאָר איך,
וואו זאָל איך איצטער
נעמען מוט,
אַז עס פרירט ווי וואַסער
איין אין מיר דאָס בלוט...

קול:

שוין הויבן אָן
די ווערטער צו פאַרלירן
דעם פייער און דעם צויבער

און די קראַפט;
שוין הערט דאָס פאָלק אויף
ביסלאַכווייז צו שפּירן
דעם כּוח, וואָס באַוועגט
און וואָס באַשאַפט;
ווייל מיט דיין צווייפל איצט
און מיט דיין מורא,
פאַרלייקנסטו אַליין
דעם אמת פון דיין תורה;
דאָס פאָלק איז אין געפאַר,
באַקעמף אין זיך די מורא!

משה:

איך קען ניט!...
דער וועג פון טויט איז פינצטער...

קול:

די גרעניץ נאָר איז פינצטער...
אַ מינוט...
דו קענסט ניט דורכגיין
איין מינוט אין פינצטערניש,
און ווילסט, דאָס פאָלק
זאָל גיין אַזוי פיל יאָר...

משה:

באַגיס אָט די מינוט
פון פינצטערניש מיט ליכט!

קול:

איך האָב קיין מאַכט ניט
פאַר דער צייט דעם סוד אַנטפּלעקן;
דאָס וואָרט דייגס וועט עס טאָן,
ווען עס וועט ווערן רייף.
מוזט שטאַרבן איצט,
דאָס וואָרט זאָל קענען רייפן!

משה:

כ׳וויל לעבן!
כ׳וויל אָנקומען צוזאַמען מיטן פאָלק
אין צוגעזאָגטן לאַנד אַריין!...

קול:

פאַרוואָס פרעגסטו ניט,
וואָס איז לעבן?

משה:

איך ווייס.

קול:

וואָס איז עס?

משה:

ס׳איז ליכט פון טאָג,
ס׳איז וואַרימקייט פון זון,
ס׳איז רעגן,

ס׳איז גראָז וואָס וואַקסט,
ס׳איז ווינט וואָס בלאָזט
אויף אַלע וועגן,
ראָס אויג וואָס זעט,
דאָס האַרץ וואָס פילט,
ביים דאַרשטיקן
דאָס וואַסער אויפן גומען...

קול:

דאָס איז אַ שאָטן בלויז
פון דעם, וואָס דאַרף נאָך קומען;
דאָס איז אַ צייכן בלויז,
וואָס איז געגעבן,
אַ טראָפן, פונם קוואַל,
וואָס רופט זיך לעבן...

משה:

וואָס איז עס?

קול:

אַ רגע פינצטערניש,
און ס׳וועט דיר ווערן קלאָר;
דער חלום פון אַ לעבנלאַנג
וועט ווערן וואָר.

משה:

און ווער וועט פירן
אין צוגעזאָגטן לאַנד?

קול:

דער אמת פֿון דיין וואָרט
וועט זיין די האַנט,
וואָס וועט צייכענען דעם וועג
צום צוגעזאָגטן לאַנד...
צום סוף פֿון טעג...
דער אמת פֿון דיין וואָרט
דאַרף ווערן ליכט
און אויפֿדעקן אין יעדן מענטשן
מיין געזיכט...

משה:

וואָס איז עס?

קול:

אמת!...

משה:

און צוליב דעם
מוז משה איצטער שטאַרבן?
פֿאַרוואָס מוז אמת
קומען דורכן טויט?

קול:

געזעץ פֿון לעבן!
אַזוי געזאָגט האָט גאָט!
דאָס וואָרט דיינס וועט אַנטפּלעקן
אָט דעם סוד...

משה:

זאַל דאָס וואָרט אַנטפּלעקן איצט,
ביים לעבן!
איך שטעל דעם אמת פון מיין וואָרט
אַנטקעגן טויט! ...
איך גיי צו זיי ...

(משה שטריינגט אָן די לעצטע כוחות און לאָזט זיך גיין פון באַרג מיטן וועג וואָס פירט צום לאַגער פון די געצעלטן. ער פאַרפּלאָנטערט זיך און קען ניט געפינען דעם וועג.)

וואו ביזטו, וועג?
ווער האָט פאַרצויגן
אַ שלייער איבער מיינע אויגן?

קול:

זיי דאַרפן דיך ניט מער;
דיין לעבן איצט
וועט זיין פאַר זיי אַ שטער,
אַ שטרויכל־שטיין אַ שאַרפער
אויפן וועג,
אַ שאָטן
אויף דער ליכטיקייט
פון טעג.

משה:

אַ שטרויכל־שטיין אַ שאַרפער,
איך?

ווי קען דאָס זײַן?!
איך, וואָס איך וואַרט געבראַכט האָב
ליכט און לעבן;
איך וואַרט,
געבוירענעם אין נויט און פּיין,
און זיי דאָס
מיט דער פולער האַנט
אַוועקגעגעבן...

קול:

אַרויפגעצוואונגען!...
מיט אַ שטאַרקער האַנט!...
דיין לעבן איז פאַר זיי
איין גרויסע שרעק...
אויב זיי זאָלן אַריין
אין צוגעזאָגטן לאַנד,
מוזטו פון זיי
זיך שיידן און אַוועק.
דאָס וואָרט מוז ווערן
גלויבן, ליבע, שיין;
וואו מורא איז,
קיין גלויבן קען ניט זיין.
בלייבסט לעבן, און דאָס וואָרט
וועט מוזן שטאַרבן,
און מיטן וואָרט דאָס פאָלק,
און מיט פאָלק שטאַרבט גאָט;
און קיינער וועט ניט זיין,

וואס זאָל דיך אַרבן,
און אייביק וועט
פאַרבאַרגן זיין דער סוד...
קלייב, משה, אויס,
ס׳איז דיר אַצינד געגעבן,
ווער שטאַרבן זאָל,
און ווער זאָל בלייבן לעבן...

משה:

(פאַלט צו דער ערד. ער ליגט אַ ווייל און הויבט זיך אויף צוריק אַ באַרואיקטער. זיין פּנים איז אויפגעשטראַלט. עס באַווייזט זיך די זון.)

כ׳נעם אַן...
כ׳נעם אַן דעם טויט...

יהושע:

(קומט צולויפן. לויפנדיק דערזעט ער פון דער ווייטן משהן און שרייט צו אים)

אַ נס!... אַ נס!...
פריי זיך, משה!...
דאָס פאָלק האָט פּלוצלינג
אָנגעהויבן זינגען,
די אַלטע לייט
זייגען געוואָרן יונג,
אַפילו הינקענדיקע
טאַנצן אונטער...

(ער קומט צו נאָנט צו משהן, טוט אַ קוק אויף אים און
נעמט אַ דערשראָקענער זיך ציען אויף צוריק.)

ווער ביזטו?

משה:

וואָס האָסטו זיך דערשראָקן,
יהושע?

יהושע:

ווער ביזטו?
פרעג איך!
וואו איז משה?
רעד!

משה:

ער שטייט פאַר דיר,
און איז דיר גרייט צו דינען.

יהושע:

זאגסט ליגן!
ניט אַזוי רעדט משה!
משהס קול איז שטאַרק
און ער באַפעלט!

משה:

ער האָט באַפעלט,
און וועט עס טאָן ניט מער;

זיין אייגן קול
איז אים געוואָרן שווער,
פאַרלוירן האָט זיין האַנט
איר פלינקן בויג,
און עס דינגט אים מער ניט
די ליכטיקייט פון אויג...

יהושע:

הער אויף צו פּלאַפּלען, אַלטער,
ניטאָ קיין צייט;
דער וועג צום צוגעזאָגטן לאַנד
איז שווער און ווייט.
וואו איז משה?!

משה:

(שטריינגט אָן זיינע לעצטע כוחות און דונערט אַרויס)

אָ, הער מיך, יהושע,
משה רעדט!

יהושע:

משהס קול...
ווי אַלט דו ביזט געוואָרן!...

משה:

איך שטאַרב...

יהושע:

(פאַלט צו צו משהס פיס מיט געוויין)

דו קענסט ניט שטאַרבן,
משה!

משה:

שטיי אויף, יהושע,
שטיי אויף,
וויש אָפּ דיין טרער.
אַ גרויסע פרייד געשעט.
פאַרנעם און הער:
איך שטאַרב...
און ס׳ווערט דאָס פאָלק
געבוירן...

יהושע:

אַז דיר וועט אויך דאָס פאָלק
אין מדבר שטאַרבן,
דיין שטאַרקע האַנט, אָ, משה,
וואָס זיי דאַרפן;
זיי זיינען דאָך נאָך אַלץ,
ווי קינדער, גרייט
אין יעדן אָפּגאָטס אָרעמס
זיך צו וואַרפן;
דו איינער קענסט זיי האַלטן
אין דער מורא...

משה:

מיט מורא קען אַ פֿאָלק
ניט בלייבן לעבן,
דאָס וואָרט, וואָס כ'האָב זיי דאָ
ביים באַרג געגעבן,
איז ליבע —
דאָס איינאונאיינציקע געבאָט;
איך האָב פֿאַרזייט אין זיי
דאָס קערנדל פֿון גאָט;
איצט דאַרפֿן זיי אַליין
דאָס קערנדל דערנערן,
ביז ס'וועט אַ פֿעלד אַ גרינער
זינגען צו די שטערן...

יהושע:

דער מדבר איז נאָך לאַנג,
עס דאַרף דאָס פֿאָלק אַ פֿירער!

משה:

איך מוז אָט דאָ,
אויף שפּיץ פֿון באַרג,
פֿאַרבלייבן.
דאָס וואָרט אַליין
וועט זיי פֿאָראויס
איצט טרייבן,
דאָס וואָרט,
וואָס איז שוין איצט

געוואָרן בלוט,
וועט אָנצינדן אין זיי
דעם ווילן און דעם מוט,
וועט אויפוועקן אַ הונגער,
ניט נאָך ברויט,
נאָך ליכט,
און וועט אַנטפּלעקן זיי
גאָטס לויטערע געזיכט...
דו האָסט אַליין געזאָגט:
— אַ נס געשען,
דאָס פֿאָלק האָט פּלוצלינג
אָנגעהויבן זינגען,
די אַלטע לייט
זיינען געוואָרן יונג...
דער וואָס פֿאַרלירט די מורא,
דער קריגט גלויבן,
און דער וואָס גלויבט,
האָט יוגנט אָנגעגורט;
מיין שטאַרבן
האָט פֿון מורא
זיי אַרויסגעהויבן,
און זיי געגעבן
אייביקע געבורט...

יהושע:

מוז טויט זיין
דער באַפּרוכפּערער
פֿון לעבן?

משה:

ניט אַנדערש, יהושע!
טויט איז לעבן!
ביידע זינגען
דאָס געזאַנג —
— אחד...
דורך טויט איז אונז
די ליכטיקייט געגעבן
צום מענטשן צו דערגיין,
דורך אים — צו גאָט...
כ'האָב אויך, ווי דו, געפרעגט
ביי בערג און ביי די שטערן:
— אויב אימעצער איז דאָ,
וואָס טוט מיך זען און הערן,
זאָל מיר אַצינדער,
אין מיין לעצטער שעה,
דאָס שוואַרצע גאָרנישט,
וואָס הייסט טויט,
דערקלערן...
און כ'האָב געהערט אַן ענטפער:
— גאָרנישט איז ניטאָ,
פאַראַן איז נאָר
די מורא פאַרן גאָרנישט,
און ס'ליגט דער סוד
באַהאַלטן אָט־אָ־דאָ...
כ'האָב וואָרט און לעבן
צונויפגעשמידט, ווי רינגען,

איצט וועל איך ווייזן
ווי צו שטאַרבן, ווען מען דאַרף. —
אַ, יהושע,
כ׳הער וואַקסן גראָז
און שטערן זינגען,
ווי דינע פינגער
וואָלטן אָנגערירט אַ האַרף...

(עס דערהערט זיך פון ווייטן טומל, געזאַנג. דאָס פאָלק
ציט מיטן וועג פאַרביי דעם באַרג, וואו עס שטייען משה
און יהושע. עס הערן זיך אויסרופן:
„משה, קום אַרונטער פונם באַרג...
די זון קלעטערט העכער אויפן הימל...
קום, פיר אונז אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד...״)

משה:

פאַרלאָז מיך, יהושע,
גיי צו זיי,
גיי, שטעל זיך
אין דער שפּיץ פון פאָלק,
און פיר.

יהושע:

איך קען דיך דאָ
ניט איבערלאָזן, משה.
ווי קען איך איבערנעמען
משהס אָרט?

משה:

גיי, יהושע,
דאָס לעבן רופט,
לאָז איבער טויט
צו טויט...

יהושע:

לאָז מיך נאָך שטיין אַ רגע
און קוקן אויף דיין פּנים.

(יהושע און משה שטייען און קוקן לאַנג איינער אויפן אַנדערן. נעמען זיך אַרום.)

משה:

(באַפרייט זיך פון יהושעס אומאַרמונג)
גיי, די צייט איז קורץ.
דער טויט איז נאָענט.

יהושע:

(נעמט זיך צונויף און נעמט שפּאַנען ווי אַ קריגער פון באַרג צום פאָלק.)

פאָלק:

(דערנענטערט זיך צום באַרג.)
משה, קום אַרונטער פונם באַרג...
די זון קלעטערט העכער אויפן הימל...
קום, פיר אונז אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד...

משה:

(באַווייזט זיך אויפֿן באַרג. דאָס פֿאָלק בלייבט שטיל, איבערראַשט פֿון משהס פּלוצלינגן אַלט ווערן.)

פֿאָלק:

וואָס איז געשען מיט אונזער פֿירער?
אַז ווײ איז, ווײ איז אונז!...

משה:

איך באַפֿריי אייך פֿון מיר.
געשלאָגן האָט מיין לעצטע שעה.
איך שטאַרב,
כדי איר זאָלט לעבן...

פֿאָלק:

וואָס טויג אונז לעבן
אין מדבר אָן אַ פֿירער?

משה:

פֿון איצט אָן און ווייטער
וועט איר אַליין דער פֿירער זיין.

פֿאָלק:

ווער וועט די שונאים אונזערע באַזיגן
אויפֿן וועג צום צוגעזאָגטן לאַנד?
אדום און מואב זיינען שטאַרק!...

משה:

ס׳איז אמת **שטאַרקער!**

דאָס וואָרט וואָס כ׳האָב
צו אייך געבראַכט
איז אמת,
אין אים ליגט
די אַנטפּלעקונג
פונם סוד...
איך האָב דאָס וואָרט
פון בלוט אַרויסגעצויגן,
און בלוט איז לעבן,
און לעבן — דאָס איז גאָט!...
פון אדומס שווערד
און מואבס פייל
איז שאַרפער
דאָס בלוט אין וואָרט,
וואָס כ׳האָב צו אייך געבראַכט;
עס וועט, ווי זון, בייטאָג
אייך וואַרימען און ליכטן,
און צינדן זיך, ווי שטערן,
ביי דער נאַכט...
דאָס גראָז דאַרף זון,
דאָס קערנדל דאַרף רעגן,
צו קענען וואַקסן
און צו קענען זיין;
דער מענטש דאַרף ליכט,
צו קענען קומען זיך אַנטקעגן,

דורך זיך
אין צוגעזאָגטן
לאַנד אַריין...
אייך איז דאָס וואונדערלאַכע
ליכט געגעבן,
איר וועט עס שפּרייטן,
וואו אַ שטעג און וועג;
ביז עס וועט טויט
באַזייטיקן פון לעבן,
און ביז עס וועט פאַרוואַנדלען
נעכט אין טעג...

פאָלק:
מיר ווילן טאָן
וואָס משה וועט באַפעלן!...

משה:
משה באַפעלט ניט מער,
דאָס בלוט אייערס באַפעלט,
דאָס בלוט, וואָס האָט דערהערט
דעם רוף פון וועלט,
וואָס וויל אין זיך אַריינקוקן
און זיך דערקענען,
דורך זיך
צו לויטערקייט פון גאָט
גענענען...
געזעץ פון זעקס —

דער פּלאַן פון דער יצירה,
זעקס טויזנט יאָר פון פּיין —
דער וועג צו גאָט...
דאָס קערנדל,
וואָס ליגט אין וואָרט,
וועט פירן
דעם גראַדן וועג,
דורך פעלקער,
צום אחד...
דער מענטש באַשטייט
פון גייסטיקייט
און חומר,
פון שוואַרצער ערד
געמישט מיט העלסטן ליכט;
און וואַקסן דאַרף ער שטאָלץ,
אַזוי ווי ביימער,
און וואַרימען, ווי זון,
דאַרף זיין געזיכט,
די רייד און טואונגען —
געזאַנג פון שטערן...

פּאָלק:

מיר וועלן טאָן...
מיר וועלן טאָן
און הערן!...

משה:

ס'איז אייך באַשערט
אין לעבן צו אַנטפּלעקן

די טרייב־קראַפט
וועלכע לאָזט ניט רוען מער,
דעם אייביקן איך בין,
די אומרו וואָס דאַרף וועקן,
דורך טראָפּן בלוט,
דורך פּיין,
דורך צער,
דורך טרער...
גאָט זינגט, אין גרעסטע
און אין קלענסטע
זאַכן,
אין אדומס שווערד,
אין ווערימלס געבעט;
דאָס וואָרט,
פון אדומס שווערד,
דאַרף אַקער מאַכן,
פון מואבס פּייל —
אַ האַמער,
און עס וועט...
די העכסטע פרייד
מוז דורכן טרויער
קומען,
דורך פינצטערניש —
דער וועג צום העלסטן שיין...
אַז וואויל צום אויער איז,
וואָס האָט פאַרנומען
אין טראָפּן בלוט,

די אייביקייט פון זיין...
אָ, ברידער, ברידער,
ס׳איז אייך
גאָשערט צו טראָגן
דער וועלט,
דעם אמת אירן —
דעם אחד,
די גרויסע פרייד...
וואָס וועט איר,
ברידער, זאָגן
צו אייער אייגן בלוט...
צום וואָרט פון גאָט?...

פאָלק:

מיר וועלן טראָגן,
ביז צו דעם יסוד,
ביז עס ווייזט
זיין לויטער פנים
אונז דער סוד...

משה:

כ׳נעם צו פון אייך
די מורא,
מיט מיין שטאַרבן,
איצט זייט איר
לויטער יוגנט,
גלויבן,

גייט! ...
מיט ליכט פון אמת
וועט איר לעבן פֿאַרבן,
מיט ליכט פון וואָרט
באַלייכטן סוד פון טויט ...

(צווישן דעם פֿאָלק און משהן לאָזט זיך אַרונטער אַ געדיכטער נעבל ווי אַ ליכטיקער שלייער. דאָס פֿאָלק זעט מער ניט משהן. דורכן נעבל נעמט זיך דורכזעצן די זון.)

קול:

(ווי פון נעבל אַרויס)

דער וועג
צום צוגעזאָגטן לאַנד ...
דער וועג פון זון ...

פֿאָלק:

(הויבט אָן מאַרשירן מיט געזאַנג אין דער ריכטונג, וואו די זון גייט אויף)

אָ, וואונדער, וואונדער, וואונדער
האָט גאָט מיט אונז געטון;
משה איז אין נעבל פֿאַרשוואונדן,
און אויפגעגאַנגען איז זון ...

(דאָס געזאַנג ווערט לאַנגזאַם פֿאַרשוואונדן הינטער די בערג. דער נעבל הויבט זיך אויף און אַנטפּלעקט משהן אַליין אויפן באַרג.)

משה:

פון וואַנעט דאָס געזאַנג,
פון מענטשן, צי פון בערג?

קול:

ביידע זינגען
דאָסזעלביקע געזאַנג...

משה:

וואו בין איך?

קול:

וואו ס'גייט דער מענטש;
דאָרט וואו ס'באַגעגענען זיך
טויט מיט לעבן,
אין וואָרן לאַנד
פון אייביקן געדאַנק...
און ווייל האָסט איינגעוויליקט
פאַרן פאָלק צו שטאַרבן,
וועט, ווי די זון, דיין נאָמען
אויפגיין פון דעם אָרט;
און ס'וועט די וועלט,
עס וועט דער מענטש
דיך אַרבן,
און אויסלייזן וועט אים
דער אמת פון דיין וואָרט...

משה:

א, קול, וואס ביזטו?
ווער?

קול:

זע, פאַרנעם,
און הער...

אָנהויב – סוף

אָנהויב — סוף

קום,
אינגעלע,
זעץ זיך אַוועק
און לערן:
— אין זעקס טעג
האָט גאָט
באַשאַפן
די וועלט.
דעם ערשטן טאָג
האָט ער באַשאַפן
ליכט
און פינצטערניש;
דעם צווייטן טאָג
האָט ער באַשאַפן
הימל;
דעם דריטן טאָג
האָט ער באַשאַפן
וואַסער און יבשה,
קרייטאַכצער
אוןביימער
לויט זייערע
מינים;
דעם פערטן טאָג —

זון,
לבנה
און שטערן;
דעם פינפטן טאָג
האָט ער באַשאַפן
ים־חיות,
אַלע לעבעדיקע
באַשעפענישן,
וואָס קריכן
און וואָס
פליען;
דעם זעקסטן טאָג
האָט ער באַשאַפן
דעם מענטש;
און זיין אַרבעט
איז געווען
פאַרענדיקט
און ער האָט
גערוט.

דער זיידע,
אינגעלע,
האָט אָבער פאַרמאָגט
חכמה
און ווייסע האָר;
און ער האָט געלערנט:
— אַ טאָג ביי גאָט

איז טויזנט יאָר.
זעקס טויזנט יאָר
האָט גאָט גענומען
צו דערגיין
פון מענטש
דעם סוד;
זעקס טויזנט יאָר לאַנג,
אינגעלע,
איז דער וועג
צו גאָט.
איז געבליבן,
אינגעלע,
אַ קיימאַ־לן
פון דריי
יאָרהונדערט, —
זע
און הער
און פאַרנעם
דאָס גרויסע
וואונדער,
וואָס געשעט
אין אונזערע
צייטן;
זע
און הער
און פאַרנעם,
ווי פון אַלע

זייטן, —
דורך שלאַכטפעלד,
דורך באַריקאַדע,
דורך תליה,
ווי דורך צעפּראַלטע
טויערן,
ווי זון אין פרימאָרגן
ווערט געבוירן
דער מענטש —
דער סוד
און דערגייט
צום יסוד:
— גאָט.